

NYC Human Resources Administration
Department of Social Services

CHILD SUPPORT SERVICES

# קינדער געלט האנטבוך

## פאר זארגערעכט (Custodial) עלטערן

BK-5 (YI)

# אנווייזונג פאר דעם האנטבוך

אריינפיר 1

די קינדער געלט פראגראם 4

די קינדער געלט (טשיילד סופארט) פראגראם שטעלט קינדער ערשט און אנערקענט אז ביידע עלטערן האבן א וויכטיגע ראלע ווען עס קומט צו שטיצן זייערע קינדער. ווען קינדער באקומען פינאנציעלע שטיצע און פאזיטיווע ערציונג פון ביידע עלטערן איז עס בעסער פאר זיי. דער פראגראם איז מצליח און אפעקטיוו צו וועקשטעלן עלטערנשפאט, באקומען קינדער געלט געהאלט, און העלפן עלטערן אן זארגרעכט טרעפן ארבעט.

דער טייל פונעם האנטבוך ערקלערט:

- זיך איינשרייבן אין קינדער געלט
- טרעפן די עלטערן אן זארגרעכט
- וועקשטעלן עלטערנשאפט
- סערווירן א סאמענס
- גיין אין געריכט
- קינדער געלט און מעדיקעל שטיצע באפעלן
- באקומען קינדער געלט באצאלונגען
- אויספירן דאס קינדער געלט באפעל
- טוישן די סומע פון דאס קינדער געלט באפעל
- ענדיגן דאס קינדער געלט באפעל

גט און קינדער געלט 15

די קינדער געלט פראצעדור איז אנדערש פאר עלטערן וואס גט'ן זיך אדער האבן זיך גע'גט.

זארגעכט און באזוך רעכטן 17

זארגרעכט און באזוך רעכטן ווערן נישט איסגעשמועסט אין א קינדער געלט הירינג. זארגרעכט און באזוך רעכטן איז א באזונדערע געריכט פראצעדור. עלטערן קענען אויך איסשמועסן זארגרעכט און באזוך רעכטן דורך א מעדיעישאן סערוויס.

שטוב געוואלדעס און קינדער געלט 18

געוויסע טיילן פון דאס קינדער געלט פראגראם קען זיין אן אורזאך פאר שטוב געוואלדעס. צו געוואר ווערן מער וועגן דעם פראגראם און אויב עס איז די ריכטיגע באשלוס פאר אייך, גייט צו https://on.nyc.gov/child-support-safely. אויב איר האט זארגן וועגן אייער אדער אייער קינד'ס זיכערהייט, לאזט אייער קינדער געלט קעיסווארקער אדער ארבעט געלעגנהייט ספעציעליסט (JOS) וויסן דערוועגן. איר קענט ווערן אנטשולדיגט און ארויסגעלאזט פונעם קינדער געלט פאדערונג פארן באקומען פובליק הילף. דאס קינדער געלט פראגראם און די געריכט קענען שטעלן שטוב געוואלדעס פארזיכערונגען צו פארזיכערן די פריוואטקייט פון אייער קינדער געלט קעיס אינפארמאציע און אייער זיכערהייט אין געריכט.

אינפארמאציע פאר קעש הילף און מעדיצינישע הילף קליענטן 20

איר ווערט פארלאנגט צו קאאפערירן מיט די אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS) צו באקומען אייער פולע פובליק הילף בענעפיטן פאר אייער פאמיליע.

דער טייל פונעם האנטבוך ערקלערט:

- דאקומענטן וואס איר וועט דארפן
- קאאפערירן מיט קינדער געלט
- גיין אין געריכט
- פאסטעטער קעיר
- וויפיל קינדער געלט איר קענט באקומען
- באקומען קינדער געלט איינמאל איר פארלאזט פובליק הילף

טשיילד סופארט קאנטאקט אינפארמאציע 24
ביישפילן קינדער געלט באפעל 26
גלאסארי פון קינדער געלט טערמינען 28



# אריינפיר

דער אפיס פון קינדער שטיצע סערוויס (Office of Child Support Services - OCSS) ארבעט מיט ניו יארק סיטי פאמיליעס, אפגעזען פון פארדינסט אדער אימיגראציע סטאטוס, צו פארזיכערן אז קינדער באקומען פינאנציעלע שטיצע פון ביידע עלטערן. OCSS העלפט די עלטערן מיט זארגרעכט (עלטערן, קרוב אדער גארדיען וואס וואוינט מיט און איז די הויפט קעירגעבער פון א מינדעריעריגער קינד) צו פארשטיין די קינדער געלט פראגראם און צושטעלן סערוויסעס דורכאויס דעם פראצעדור. OCSS העלפט די עלטערן אן זארגרעכט (עלטערן וואס וואוינען נישט מיט און איז נישט דער הויפט קעירגעבער פון א מינדעריעריגער קינד) דורך צושטעלן פראגראמען זיי צו העלפן נאכקומען זייער קינדער געלט פליכטן און זיך ספראווען מיט זייער קינדער געלט קעיסעס.

די קינדער געלט פראגראם איז נישט די זעלבע ווי די פאמיליע געריכט. כאטש זיי ארבעטן נאנטערהייט און האבן די זעלבע ציל פון פארבעסערן די לעבנס פון ניו יארק סיטי קינדער דורך די פארמאלע קינדער געלט פראגראם, זענען זיי צוויי אנדערע ארגאניזאציעס, מיט אנדערע פונקציעס.

OCSS איז א טייל פון די יומען רעסורסעס אדמיניסטראציע (Human Resources Administration - HRA), אן אגענטור אונטער ניו יארק סיטיס דעפארטמענט פון סאשעל סערוויסעס (DSS). עלטערן הייבן אן די קינדער געלט פראצעדור דורך אריינגעבן אן איינשרייבונג בויגן פאר סערוויסעס אדער ווערן זיי געשיקט דורך קעש הילף. OCSS וועט טרעפן די עלטערן אן זארגרעכט, סערווירן א סאמענס, און פעסטשטעלן עלטערנשאפט. נאכדעם וואס די קינדער געלט באפעל ווערט באשטעטיגט אין פאמיליע געריכט, טוט OCSS מאניטארן, זאמלען, און פארטיילן די באצאלונגען. אויב באצאלונגען ווערן פארנאכלעסיגט, האט OCSS די באפולמעכטיגונג צו ערמעגליכן די קינדער געלט באפעל דורך אדמיניסטראטיווע מיטלען.

פאמיליע געריכט איז א טייל פון די ניו יארק סטעיט יוניפייד געריכט סיסטעם. די געריכט'ס ראלע אין די קינדער געלט פראצעדור הויבט זיך אן ווען איינע פון די עלטערן, גארדיען, אדער די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון סאשעל סערוויסעס (DSS) געבן אריין א פעטישאן פאר עלטערנשאפט און/אדער קינדער געלט. די געריכט איז פאראנטווארטליך צו אוועקשטעלן נייע קינדער געלט און מעדיקעל שטיצע באפעלן און צו טוישן עקזיסטירנדע. אויב באצאלונגען ווערן פארנאכלעסיגט, קען מען אריינגעבן א פארלעצונג פעטישאן אין געריכט. ווען דאס פאסירט, האט די געריכט די באפולמעכטיגונג צו ערמעגליכן די קינדער געלט באפעל דורך געריכטליכע מיטלען.

## קינדער געלט איז וויכטיג

די עלטערן אן זארגרעכט איז פאראנטווארטליך צו באצאלן קינדער געלט ביז דאס קינד ווערט באפרייט (אין אלגעמיין, ווען זיי ווערן 21 יאר אלט). קינדער געלט באצאלונגען קענען אייך העלפן נאכקומען אייער קינד'ס טעגליכע געברויכן און צושטעלן פאר אייער קינד א מער פארזיכערטע פינאנציעלע צוקונפט. מערסטנס עלטערן אן זארגרעכט ווילן האבן באציאונגען מיט זייערע קינדער מער ווי נאר צושטעלן פינאנציעלע שטיצע, און די וואס באצאלן קינדער געלט ווערן געוועגטליך זיין מער אינטערעסירט אין זייער קינד'ס לעבן און פארברענגן מער צייט מיט זיי. זייערע קינדער האבן געוועגטליך בעסערע געזעלשאפטן; זיי בלייבן אין שולע לענגער, זיי באקומען בעסערע צייכענס אויף בחינות, און האבן ווייניגער אויפפירונג פראבלעמען.

אפילו אויב די עלטערן אן זארגרעכטן קען נישט יעצט באצאלן קינדער געלט, זאלט איר נאכאלס באקומען א קינדער געלט באפעל. און אויב עלטערנשאפט איז נישט באשטעטיגט, איז דאס א וויכטיגע ערשטע שריט. באשטעטיגט עלטערנשאפט איז אויך דאס בעסטע פאר אייער קינד ווייל עס געבט אייער קינד די רעכטן צו סאשעל סעקיוריטי, טויט און מיליטער בענעפיטן, און צוטריט צו מעדיצינישע אינפארמאציע.

די קינדער געלט באפעל וועט זיין באזירט אויף יעצטיגע פארדינסט אבער עס קען זיך טויש שפעטער אויב אומשטענדן טויש זיך. אויב די עלטערן אן זארגרעכט ארבעט נישט, וועט דער שטיצע מאגיסטרעט אהערשטעלן אן ארימקייט באפעל ($25 א חודש אדער $0 א חודש און א מאקסימום שולדיג פון $500). OCSS האט ארבעט פראגראמען צו העלפן די וואס קענען נישט באצאלן קינדער געלט ווייל זיי ארבעטן נישט אדער האבן א פאסטן וואס באצאלט ווייניג. די שטיצע מאגיסטרעט קען פאדערן די עלטערן אן זארגרעכטן וואס ארבעט נישט צו זוכן ארבעט אדער אנטייל נעמען אין ארבעטסגעבן פראגראמען ווען זיי שטעלן אוועק א באפעל. איינמאל די עלטערן אן זארגרעכטן הויבט אן ווערן באצאלט רעגלמעסיג, קען OCSS אויטאמאטיש זאמלען קינדער געלט באצאלונגען פון זיין אדער איר באצאלונג און עס שיקן צו די עלטערן מיט זארגרעכטן. אויב דער באפעל איז $0 קען מען גארנישט זאמלען ביז דער באפעל ווערט געטוישט.

אין 2021, האט OCSS איינגעפירט צוויי אפמאך פראגראמען. זיי ערלויבן עלטערן צו שמועסן אינדרויסן פון געריכט וועגן די קינדער געלט באפעל סומע בעפאר א געריכט הירינג. איין פראגראם איז צו באשטימען די סומע פון די באפעל און די אנדערע איז צו טוישן אן עקזיסטירנדע באפעל. עלטערן וואס קומען נאך די פאדערונגען קענען אריינגיין אין אן אפמאך דורך האבן א שמועס מיט א קינדער געלט ארבעטער.ביידע עלטערן דארפן נישט זיין אויפן טעלעפאן אדער אנוועזנד אין די זעלבע צייט.



- אן אפמאך ווערט צוגעגרייט מיט אן OCSS פארשטייער און נוצט די זעלבע געזעצן ווי די געריכט.
- דער אפמאך ווערט אריינגעגעבן אין געריכט פאר באשטעטיגונג און ווערט פארוואנדעלט אין א באפעל ווען צוגעשטימט.
- די געריכט פארלאנגט אזביידע עלטערן זאלן זיין אנוועזנד ביי כאטש איין הירינג צו פארזיכערן אז זיי האבן פרייוויליג אנטיילגענומען אין דעם פראצעדור און פארשטייען זייערע רעכטן און פליכטן.
- די צוויי פראגראמען שטעלן צו פאר עלטערן אן אנדערע צוגאנג צו אוועקשטעלן און טוישן קינדער געלט באפעלן, וואס קען פארמינערן די צאל געריכט הירינגס, געבנדיג קראפט פאר די עלטערן און מאכן דעם פראצעדור מער פריינטליך צו עטלערן ווי די געוועגטליכע פראצעדור.



# די קינדער סופארט פראגראם

## זיך איינשרייבן אין קינדער געלט סערוויסעס

עלטערן מיט זארגערעכט וואס ווענדן זיך אן פאר אדער באקומען קעש הילף אדער נאר מעדיקל הילף (Medical Assistance Only - MAO) ווערן אויטאמאטיש געשיקט צו אן OCSS בארא באאמטער פאר קינדער געלט סערוויסעס. מיטארבעטן מיט קינדער געלט איז פארלאנגט צו באקומען פולע קעש בענעפיטן און/אדער Medicaid פאר זייער הויזגעזינד.

עלטערן מיט זארגערעכט וואס ווענדן זיך נישט אן פאר אדער באקומען נישט קעש הילף אדער MAO, קענען זיך איינגעבן פאר קינדער געלט סערוויסעס ווי פאלגנד:

- דורך די קינדער געלט מאביל עפפ: nyc.gov/childsupportmobile (דאונלאוד דעם עפפ אויף די App Store אדער Google Play);
- פערזענליך ביים OCSS פאמיליע געריכט שטיצע סערוויסעס (FCSS) אפיס לאקאציע (https://on.nyc.gov/contactocss) אין די פאמיליע געריכט אינעם בארא וואו זיי וואוינען;
- דאונלאודט די איינשרייבונג בויגן אויף www.nyc.gov/hra/ocss און דאן שיקט עס צוריק, געניצליך איסעפולט און אונטערגעשריבן צו OCSS אדער אימעיל צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us מיטן טעמע "Child Support Enrollment Form".

סיי וועלכע ערוואקסענע וואס וואוינט מיט און געבט זיך אפ מיט א מינדעריעריגע קינד קען זיך איינשרייבן פאר קינדער געלט סערוויסעס. מען דארף נישט האבן לעגאלע זארגערעכט.

OCSS וועט דארפן דאקומענטן צו העלפן טרעפן די עלטערן אן זארגערעכט און אויפווייזן אייער קשר און אייער קינד'ס קשר צום עלטערן אן זארגערעכט. שטעלט צו ווי מער פון די פאלגנדע אינפארמאציע וואס איר קענט:

- עלטערן אן זארגערעכט'ס סאושעל סעקיוריטי נומער אדער אינדיווידועלע שטייער באצאלער אידענטיפיקאציע נומער (ITIN)
- געבורט סערטיפיקאט פאר יעדע קינד וואס ווערט אויסגערעכנט אויפן פעטישאן
- הייראט סערטיפיקאט, דיוואָרס דעקרי אדער סעפערעישאן פאפירן, אויב שייך
- אנערקענונג פון עלטערנשאפט אדער באפעל פון פיליאציע פון פאמיליע געריכט, אויב שייך
- עלטערן אן זארגערעכט אדרעס און טעלעפאן נומערן)
- נאמען און דער אדרעס פונעם ארבעטסגעבער פונעם עלטערן אן זארגערעכט
- לעצטיגע בילד

*אויב איר ווייסט נישט וואו די עלטערן אן זארגערעכט איז אדער זייער זאשעל סעקיוריטי נומער אדער ITIN, שטעלט צו די פאלגנדע אינפארמאציע אונז צו העלפן זיי אידענטיפיצירן:*



- דאטום און פלאץ פון געבורט
- לעצטע אדרעס וואס איז באקאנט
- זיין אדער איר עלטערן'ס נעמען (אריינגערעכנט מאמע'ס מיידל נאמען)

### טרעפן די עלטערן אן זארגערעכט

פיל עלטערן מיט זארגערעכט ווייסן וואו די אנדערע עלטערן וואוינט אדער ארבעט. אויב יענע אינפארמאציע איז נישט אוועילעבל, וועט OCSS זוכן קאמפיוטער דאטעבעיסעס צו געפינען די עלטערן אן זארגערעכט'ס יעצטיגע פאסט אדרעס און ארבעטסגעבער.

די עלטערן אן זארגערעכט קען זיין דעם פאטער אדער מוטער. אין פעלער אין וועלכע דער וואס געבט זיך אפ מיטן קינד איז נישט א ביאלאגישע עלטערן, זענען ביידע דעם פאטער און מוטער גערעכנט אלס עלטערן אן זארגערעכט און זענען פארפליכטעט צו באצאלן קינדער געלט. OCSS קען טרעפן פעלנדע עלטערן וואס וואוינען אדער ארבעטן אין אנדערע סטעיטס. לאזט אונז שוין וויסן אויב איר ווערט געוואר נייע אינפארמאציע וואס קען אונז העלפן טרעפן די עלטערן אן זארגערעכט.

### וואוקשטעלן עלטערנשאפט

ווען א קינד ווערט געבוירן צו אומפארהייראטע עלטערן, מוז עלטערנשאפט ווערן באשטעטיגט בעפאר א קינדער געלט באפעל קען ווערן ארויסגעגעבן.

- באשטימען עלטערנשאפט גיבט אייער קינד בענעפיטן וואס קענען אריינרעכענען סאשעל סעקיוריטי, מיליטער באצאלונג, פענציע, קינדער געלט, העלט אינשורענס, און די רעכט צו יירש'נען פון די אנדערע עלטערן.
- עלטערנשאפט קען ווערן באשטעטיגט אין שפיטאל ווי נאר דאס קינד איז געבוירן אדער סיי ווען פאר זיי דערגרייכן דעם עלטער פון 21. אויב ביידע עלטערן זענען איינשטימיג, קענען זיי אונטערשרייבן אן אנערקענונג פון עלטערנשאפט (AOP) בויגן, וואס ווערט א לעגאלע דאקומענט איינמאל עס ווערט איינגעגעבן מיטן דעפארטמענט אוו העלט און גייסטישע היגיענע (DOHMH). עלטערנשאפט קען אויך ווערן באשטעטיגט ביי א הירינג אין פאמיליע געריכט. סיי וועלכע פון די עלטערן קענען אריינגעבן א פעטיציע פאר א עלטערנשאפט הירינג.
- אויב עס איז דא א פראגע וועגן די אידענטיטעט פון די אנדערע עלטערן, ביליגע DNA טעסטינג (https://bit.ly/ocssdnatest) איז אוועילעבל דורך ניו יארק סטעיט סערטיפייד לאבערעטאריעס. פאר מער אינפארמאציע און פאר א רעפערעל, פארבינדט זיך מיט די OCSS DNA ליניע אויף 929-221-5008. אויב איר האט א קעסדזשולטע דאטום צו ערשיינען אין פאמיליע געריכט פאר א קינדער געלט הירינג, קענט איר נישט אליין פארלאנגען א ביליגע DNA טעסט. די שטיצע מאגיסטראט וועט באשטעלן א DNA טעסט אויב עס פעלט אויס צו באשטימען עלטערנשאפט.

## סערווירן א סאמענס

נאכן אריינגעבן א פעטיציע פאר עלטערנשאפט און/אדער קינדער געלט, מוז די עלטערן אן זארגערעכט געמאלדן ווערן דורך א סאמענס וועגן דעם דאטום און צייט פונעם קינדער געלט הירינג און די פאדערונג צו ערשיינען. אויפן פארלאנג וועט OCSS צושטעלן א סאמענס סערוויס, געוויינטליך דורך די פאסט, אן קיין קאסטן פאר אייך. אויב איר ווילט, קענט איר דאס אליינס ערלעדיגן דורך האבן איינעם וועם איר קענט צו סערווירן דעם סאמענס. איר טארט נישט סערווירן דעם סאמענס אליין.

## גיין אין געריכט

### וויאזוי איר קענט ברענגען אן אפמאך אין געריכט

עלטערן מיט און אן זארגערעכט וועלן באקומען א געלעגנהייט צו אריינגיין אין אן אפמאך פרייוויליג פארן ערשיינען אין געריכט. דער סארט אפמאך איז באזירט אויף די קינדער געלט סטאנדארט וועגווייזער גענוצט אין געריכט אבער וועט ווערן אויסגעשמועסט דורך די עלטערן מיטן אפיס פון קינדער שטיצע סערוויסעס (OCSS) קאסטומער סערוויס פארשטייער. עס איז נאך אן אפציע אנשטאט א פארמאלע געריכט פראצעדור און איז געמאכט צו זיין פריינטליך און שטיצנד, געבנדיגביידע עלטערן די געלעגנהייט צו רעדן.

פאר אן אפמאך:

- אן OCSS ארבעטער גרייט צו אן אפמאך אין איינקלאנג מיט די פאדערונגען און העלפט די עלטערן צאמשטעלן די נויטיגע דאקומענטן.
- די באשטעטיגטע אפמאך פעקל ווערט אריינגעגעבן אין געריכט פאר א הירינג צו ווערן געסקעדזשולט.
- אין אלגעמיין וועט נאר אויספעלן אין געריכט ערשיינונג אז דער געריכט מאגיסטראט זאל קענען מאכן זיכער אז די עלטערן גייען אריין אינעם אפמאך פרייוויליג און עס צו באשטעטיגן אלס א באפעל אדער אפמאך.

*אויב איר זענט אינטערעסירט צו געוואר ווערן מער וועגן אריינגיין אין אן אפמאך, רופט 1-929-252-5289 אדער שיקט אן אימעיל צו [dcse.cseweb@dfa.state.ny.us](mailto:dcse.cseweb@dfa.state.ny.us) מיטן טעמע "CSSAP" צו סקעדזשולן אן אפוינטמענט און געוואר ווערן מער.*

### וויפיל געלט וועל איך באקומען?

די סומע פון קינדער געלט פארדינסט איז באזירט אויף די קינדער געלט פליכט באשטימט ביים געריכט. אויב די עלטערן אן זארגערעכט באצאלט, באקומט די עלטערן מיט זארגערעכט די גאנצע סומע, חוץ אויב זיי באקומען קעש הילף. פאר קעש הילף קליענטן, באקומען זיי ביז $100 קינדער געלט פאר איין קינד און $200 פאר צוויי קינדער, איבער זייער קעש הילף בענעפיט סומע. אין די פעלער וואס א קינד וואוינט אין פאסטער קעיר, ווערט אלע קינדער געלט געהאלטן ביים DSS.



### ווי לאנג געדויערט דעם פראצעדור פאר מען באקומט באצאלונג?

די גאנצע פראצעדור פון ווען מען שרייבט זיך איין צו באקומען סערוויסעס ביז מען באקומט א געריכט באפעל קען נעמען פיל מאנאטן, אויב מען ווייסט נישט וואו די עלטערן אן זארגערעכט איז. אויב די עלטערן אן זארגערעכט ארבעט, ווערט א פארדינסט צוריקהאלט באפאל (Income Withholding Order - IWO) געשיקט צום ארבעטסגעבער און קינדער געלט באצאלונגען קענען געוויינטליך אנקומען ביז א חודש נאך דער ארבעטסגעבער באקומט די IWO.

### וואס איר דארפט וויסן וועגן אייער געריכט הירינג

אין געריכט, וועט דער שטיצע מאגיסטראט וועלן הערן באווייז און איבערקוקן די פארדינסט און קאסטן אינפארמאציע פון ביידע עלטערן. די אינפארמאציע וועט גענוצט ווערן צו רעכענען וויפיל געלט די עלטערן אן זארגערעכט דארף צושטעלן.

- פאמיליע געריכט איז אזוי אויסגעשטעלט אז איר קענט זיך אליין פארטרעטן. איר דארפט נישט אן אדוואקאט, אבער איר קענט נעמען איינס אויב איר ווילט. עס זענען דא עטליכע **ביליגע אויסוואלן** ([https://on.nyc.gov/low-cost-legal](https://on.nyc.gov/low-cost-legal)).
- ביידע עלטערן מוזן ערשיינען ביים הירינג. ווען ביידע עלטערן קומען צוגעגרייט מיט זייער פינאנציעלע דאקומענטן, קענען זיין וויניגער הירינגס. אויב די עלטערן אן זארגערעכטן ערשיינט נישט ביים הירינג אדער שטעלט נישט צו גענוג אינפארמאציע וועגן זיין אדער איר פארדינסט, קען דער שטיצע מאגיסטערט אפשטעלן די הירינג און באשטימען א נייע דאטום. אין דעם פאל, מוז די עלטערן מיט זארגערעכט ערשיינען צום נעקסטן געריכט הירינג, און אויב נישט קען דער קעיס ווערן אפגעזאגט. דער שטיצע מאגיסטראט קען ווייטער גיין אן די עלטערן אן זארגערעכט'ס אנוועזנהייט און באשטימען א דיפאולט באפעל אויב עס איז דא עדות פון א סאמענס סערווירונג.
- אויב איינער פון די עלטערן איז נישט איינשטימיג מיט די קינדער געלט באפעל, קען א שריפטליכע קעגנשטעלונג ווערן איינגעגעבן מיטן געריכט קלערק'ס אפיס אינערהאבל 30 טעג פונעם דאטום פונעם באפעל אדער אינערהאלב 35 טעג פון ווען דער באפעל איז געשיקט געווארן אויף פאסט צו די פארטייען. די אנדערע עלטערן וועט האבן א געלעגנהייט צו פארענטפערן דעם קעגנשטעלונג. א פאמיליע געריכט ריכטער וועט איבערקוקן די קעיס פיילס און מאכן א באשלוס.

### דאקומענטן וואס איר וועט דארפן

- פארענדיגטע פינאנציעלע אויפדעקונג אפידעיוויט ([https://bit.ly/FinDisclosure](https://bit.ly/FinDisclosure))
- באווייז פון פארדינסט און אסעטס אזויווי פעי סטאבס, שטייער ריטוירנס, באנק אקאונטס, און אינוועסטירונג און פראפערטי האב
- באווייז פון הויזגעזונד אויסגאבן, אזויווי דירה געלט און עסן
- באווייז פון מעדיקל, קינדער קעיר, און עדיוקעישאן קאסטן

### ערשיינען אין געריכט

- קומט אין צייט
- טוט זיך אן פאסיג
- קומט גרייט מיט א ליסטע פון וויכטיגע פונקטן און האלט זיך צו זיי ווייל צייט איז באגרעניצט.
- קומט מיט אייער פינאנציעלע אפידעיוויט אויסגעפולט און סיי וועלכע אנדערע שטיצנדע דאקומענטן.
- רעדט ווען עס איז אייער רייע; רעדט נישט דירעקט צו די אנדערע עלטערן.

## קינדער געלט און מעדיקעל שטיצע באפעלן

צו מאכן קינדער געלט באפעלן אין ניו יארק סטעיט מער יושר'דיג און אנהאלטנד, טוט די קינדער שטיצע סטאנדארטן אקט באשטימען די עיקר קינדער געלט סומע אלס א באשטימטע פראצענט פון די עלטערנ'ס פארדינסט. חוץ אויב עס זענען דא דאקומענטירטע סיבות אויף נישט, מוז דער שטיצע מאגיסטראט נוצן די פראצענטן צו באשטימען וויפיל קינדער געלט די עלטערן אן זארגרעכט דארף באצאלן. נוצנדיג די פראצענטן פארזיכערט אז קינדערפרן בענעפיטן פון די זעלבע סטאנדארט פון לעבן וואס זיי וואלט געהאט אויב זייערע עלטערן וואלטן געוואוינט צוזאמען. דער געזעץ ערלויבט שטיצע מאגיסטראטן אביסל בויגזאמקייט זיך צו בייגן אין איינקלאנג מיט די סיבה אידענטיפיצירט אינעם געזעץ.

### וויאזוי די צאל פונעם באפעל ווערט גערעכנט

אונטער די געזעץ, איז די עיקר שטיצע סומע וואס די עלטערן אן זארגרעכט דארף באצאלן א פראצענט פון זיין אדער איר גראוס פארדינסט וויניגער NYC שטייערן, סאשעל סעקיוריטי און Medicare אראפרעכענונגען, און סיי וועלכע קינדער אדער מאן/ווייב שטיצע באצאלט צו אן אנדערע פאמיליע, און ווענדט זיך אויף וויפיל קינדער זענען אריינגעמישט.

פארדינסט רעכנט אריין באצאלונג פון ארבעט, ארבעטער'ס פארגוטיגונג, דיסאביליטי באצאלונגען, ארבעטסלאזיגקייט בענעפיטן, סאשעל סעקיוריטי באצאלונגען, און פיל אנדערע סארטן פארדינסטן. עס רעכנט נישט אריין קעש הילף אדער ערגענצונג סעקיוריטי אינקאם (SSI) בענעפיטן.

דער פראצענט ווערט גענוצט פאר אלע פעלער אין וואס די עלטערן'ס פארדינסט ווען צאמגעשטעלט, איז נישט מער ווי $163,000. פאר א צאמגעשטעלטע פארדינסט איבער $163,000, קען דער שטיצע מאגיסטראט באשליסן צו נוצן אדער נישט צו נוצן די פראצענט אנווייזונגען און קען באטראכטן אנדערע אינפארמאציע ביים באשטימען די פולע שטיצע סומע.



עס זענען דא באשיצונגען אינעם געזעץ פאר נידריג-פארדינסט עלטערן אן זארגרעכט. די וואס פארדינען וויניגער ווי די ניו יארק סטעיט זעלבסט שטיצע רעזערוו קענען באקומען א $50 א חודש באפעל, און די וואס פארדינען לויט די פעדעראלע ארעמקייט שטאפל אדער וויניגער קענען באקומען אן ארימקייט באפעל $25 א חודש און זייערע חובות ווערן אפגעהאקט ביי $500. דער ציל איז אז עס איז דא א ווערד צו באשטימען א באפעל. OCSS וועט ארבעטן מיט וויניג-פארדינסט עלטערן אן זארגרעכט זיי צו פארבינדן מיט ארבעטסגעבער סערוויסעס. ווען זייער פארדינסט פארמערט זיך, איז דא א געלעגנהייט אז דער באפעל זאל זיך פארמערן.

| # פון קינדער | % |
|---|---|
| 1 | 17% |
| 2 | 25% |
| 3 | 29% |
| 4 | 31% |
| +5 | 35% כאטש |

OCSS שטעלט צו אן אנליין קאלקיולעיטאר (http://bit.ly/CSCalc) וואס קען אייך געבן אן באגריף איבער וויפיל קינדער געלט קען ווערן באפוילן.

### וואו דער קינדער געלט ארדער נעמט אריין

- פליכטן סומע באזירט אויף די די ניו יארק סטעיט קינדער געלט סטאנדערטן אקט.
- מעדיקל שטיצע, וואו שליסט איין העלט קעיר קאסטן פארן קינד אזוויו העלט אינשורענס פרימיומס, דידאקטיבלס, און קא-באצאלונגען. מעדיקל שטיצע קאסטן זענען צוטיילט צווישן די צוויי עלטערן, לויט זייערע פאדינסטן. סיי וועלכע עלטערן קען ווערן פארלאנגט איינצושרייבן דאס קינד אין א העלט אינשורענס פלאן אויב עס איז דא צו באקומען דורך זיין אדער איר ארבעט. די אינשורענס מוז זיין אוועילעבל פאר א נארמאלע פרייז צו די ארבעטער און די מעדיקל סערוויסעס מוזן זיין אוועילעבל וואו דאס קינד וואוינט.
- נארמאלע עדיוקעישאן און קינדער קיער קאסטן פארן קינד קענען אויך זיין אריינגערעכנט אין די קינדער געלט באפעל. די קאסטן זענען געוועינטליך צוטיילט צווישן די צוויי עלטערן, לויט זייערע פאדינסטן. ביידע מעדיקל און עדיוקעישאן קאסטן, אויב אריינגערעכנט, זענען אין צוגאב צו די עיקר קינדער געלט באפעל סומע.

## זאמלען קינדער געלט באצאלונגען

אייער קינדער געלט באפעל וועט ווערן אויסגעשטעלט צו די OCSS שטיצע זאמלונג יוניט (SCU). מיר ווילן רעגלמעסיג זאמלען די באצאלונגען פון די עלטערן און זארגערכט, געוועגטליך דורך פעיראל אראפרעכענונגען. די קינדער געלט באצאלונגען וועלן ווערן געשיקט צו אייך עלעקטראניש, דורך דירעקט דעפאזיט צו אייער באנק, אדער דורך די ניו יארק סטעיט דעביט MasterCard פראגראם. טשעקס וועלן נאר ווערן געשיקט ווען עס זענען דא שווערע קעיסעס. פאר דירעקט דעפאזיט אין אייער סעיווינגס אקאונט, קענט איר אויספולן, אונטערשרייבן, און צוריקשיקן דעם בויגן צו [childsupport.ny.gov](https://childsupport.ny.gov). איר קענט זען א ווידיא אויף וויאזוי צו אויספולן די דירעקט דעפאזיט איינשרייבונג בויגן אויף די HRA OCSS YouTube שפיל ליסט אויף ([youtube.com/hranyc](https://youtube.com/hranyc)). אויב איר שרייבט זיך נישט איין אין דירעקט דעפאזיט, וועט איר באקומען אייער קינדער געלט באצאלונגען דורך די ניו יארק סטעיט דעביט קארטל.

אויב איר מופט, איז עס וויכטיג צו געבן אייער נייע אדרעס צו OCSS. [https://on.nyc.gov/3FAiB0S](https://on.nyc.gov/3FAiB0S) אז מיר זאלן זיך קענען פארבינדן מיט אייך און פארזיכערן אז איר פארפאסט נישט קיין באצאלונגען אדער אנדערע וויכטיגע בריוו.

איר קענט ווערן גערעכנט א יערליכע סערוויס אפצאל פון $35. די אפצאל איז גילטיג נאר צו די עלטערן מיט זארגערכט וואס האבן נאך קיינמאל נישט באקומען קעש הילף בענעפיטן אין סיי וועלכע סטעיט. די קאסטן וועלן ווערן גערעכנט אויב כאטש $550 אין שטיצע איז געזאמעלט פאר אייך דורכאויס די פעדעראלע פיסקעל יאר (אקטאבער 1- סעפטעמבער 30). די קאסטן וועלן ווייטער זיין גילטיג אין יעדע פעדעראלע פיסקעל יאר ווען $550 אדער מער ווערט געזאמעלט.

OCSS קען נישט געבן זאמלען און ענפארסירן סערוויסעס אויב איר האט נישט א באפעל וואס קומט דירעקט צו אייך. איר קענט פארלאנגען א טויש פון באצאלטער פון דירעקט באצאלונג צו באצאלונג דורך די שטיצע זאמלונג יוניט (SCU) [https://on.nyc.gov/3TNqXXv](https://on.nyc.gov/3TNqXXv) ביים OCSS פאמיליע געריכט שטיצע סערוויסעס (FCSS) אפיס אין די פאמיליע געריכט אין אייער בארא. א טויש פון באצאלטער קען ווערן געמאכט אויף סיי וועלכע קינדער געלט באפעל ארויסגעגעבן דורך די ניו יארק סטעיט פאמיליע געריכט אדער הויכע געריכט אין א געריכט הירינג.

## אויספירן דאס קינדער געלט באפעל

אויספירונג מיינט נעמען פאסיגע שריט צו זאמלען פארשפעטיגטע קינדער געלט און פארזיכערן יעצטיגע און צוקונפטיגע באצאלונגען. די אויספריונג פראצעדור הויבט זיך אן ווען א באפעל ווערט געמאכט באצאלנד צום שטיצע זאמלונג יוניט (SCU) און ענדיגט זיך ווען דער באפעל ווערט פארענדיגט און אלע חובות ווערן אפגעצאלט. ווען באצאלונגען פאלן צוריק, זענען דא טעליכע אויספירונג מיטלען וואס קענען גענוצט ווערן צו זאמלען וואס מען איז שולדיג.



טייל אויספירונג מיטלען זענען אדמיניסטראטיוו. דאס מיינט אז א געריכט הירינג איז נישט פארלאנגט. OCSS האט די באפולמעכטיגונג צו אויספירן באפעלן נוצנדיג מיטלען, אריינגערעכנט:

- פארמערן געהאלט צוריקהאלטונג סומע מיט 50% צו פארמינערן די קינדער געלט חובות
- צונעמען געלטער פון באנק אקאונטס, פארדינסט שטייער צוריקצאלונגען, לאטערי געווינסן, און אינשורענס שליכטונגען.
- סוספענדירן דרייווער לייסענס
- באריכטן נישט באצאלטע קינדער געלט צו קרעדיט באריכטן אגענטורן
- רעפערירן קעיסעס צו די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייער און פינאנס פאר זאמלונג פון קינדער געלט חובות.
- אפזאגן נייע און באנייעטע פאספארטן
- אפזאגן נייע און באנייעטע ניו יארק סיטי ביזנעס און פראפעסיאנעלע לייסענסעס, פערמיטס, רעגיסטראציעס און סערטיפיקאטן.

*NYC לייסענסינג אגענטורן שליסן איין, אבער זענען נישט באגרעניצט צו, די טעקסי און לימאזין קאמיסיע, די דעפארטמענט פון קאנסומער אפעירס, די פייער דעפארטמענט, און די פאליציי דעפארטמענט.*

אנדערע אויספירונג מיטלען זענען געריכטלעך. דאס מיינט אז א געריכט הירינג איז געפאדערט. אויב איר באקומט נישט קעש הילף, וואלט איר געדארפט אריינגעבן א פארלעצונג פעטיציע. געריכטליכע ענפארסירונג מיטלען שליסן איין:

**א פארלעצונג הירינג. דאס קען צופירן צו איינער פון די פאלגנדע:**

- א געלט משפט מיט אינטערעסט צוגעלייגט (געפאדערט לויטן געזעץ פאר אלע פארלעצונג הירינגס)
- ליען אויף סיי וועלכע פראפערטי וואס מען פארמאגט
- קעש אונטערנעמונג (קעש דיפאזיט ביז דריי יאר ווערד פון קינדער געלט באצאלונגען) צו פארזיכערן צוקונפטיגע קינדער געלט
- אנטיילנעמען אין אן ארבעטסגעבונג פראגראם
- סוספענדירן פון סטעיט-ארויסגעגעבענע פראפעסיאנעלע, ביזנעס, און רעקריעישאנעל לייסענסעס. סטעיט לייסענסינג אגענטורן שליסן איין, אבער זענען נישט באגרעניצט צו, די דעפארטמענט און עדיוקעשיאן, סטעיט, און ענווייראנמענטל אויפהאלטונג, די אפיס פון געריכט אדמיניסטראציע, און די ליקאר אוטאריטעט.
- איינשפארונג
- רעפערעלל פאר קרימינאלע פראסעקיושאן

## טױשן די סומע פונעם קינדער געלט באפעל

### טױשן די סומע דורך פאמיליע געריכט

סיי װעלכע פון די עלטערן קענען אריינגעבן א פעטיציע אין פאמיליע געריכט צו טױשן די סומע פון די קינדער געלט באפעל אויב עס איז דא א מערקווערדיגע טױש אין אומשטענדן, וואס קען מיינען א מערקווערדיגע און נישט פלאנירטע טױש אין אומשטענדן, אדער אז די געברויכן פונעם קינד ווערן נישט נאכגעקומען. די שטיצע מאגיסטראט וועט איבערקוקן די נייע אינפארמאציע און באשליסן אויב מען זאל מאכן א טױש.

די פאלגנדע צוגעלייגטע סטאנדארטן פאר טױשונגען זענען גילטיג צו קינדער געלט באפעלן באשטימט אום אדער נאך אקטאובער 13, 2010.

- דריי יאר זענען אריבער זייט דער באפעל איז אריינגעלייגט אדער לעצט געטױשט געווארן.
- עס איז געווען א טױש צו איינער פון די עלטערנ'ס גראוס פארדינסט פון 15% אדער מער זייט דער באפעל איז אריינגעלייגט אדער לעצט געטױשט געווארן. א פארמינערונג פון פארדינסט מוז זיין אומװילנדיג און די עלטערן וואס קלאגט א פארמינערטע פארדינסט מוז האבן געמאכט נארמאלע פרואוון צו געפינען ארבעט וואס פאסט לויט זיין אדער איר בילדונג, פעהיגקייט און ערפארונג.
- איינגעשפארטע אינדיווידועלן מעגן איינגעבן א טױש פעטיציע צוליב א מערקווערדיגע טױש אין אומשטענדן אויב זייער איינשפארונג איז נישט צוליב נישט באצאלונג פון קינדער געלט אדער א פארלעצונג קעגן די עלטערן מיט זארגרעכט אדער דאס קינד.
- סיי װעלכע טױש פון באפעל וועט צוריקגיין צום דאטום ווען די פעטיציע איז איינגעגעבן געווארן אין געריכט, נישט דער דאטום וואס דער טױש פון אומשטענדן איז פארגעקומען.

### טױשן באפעלן דורך תנאים (MOTS)

אן אנדערע אויסוואל צו די לענגערע געריכט פראצעדור צו טױשן א קינדער געלט באפעל איז אן אפמאך צווישן די עלטערן מיט זארגרעכט און עלטערן אן זארגרעכטן, וואס קען ווערן אויסגעפירט דורך די OCSS. דער פראגראם, אנגערופן טױשן באפעלן דורך תנאים (MOTS), פארלאנגט געווענטליך איין קורצע הירינג ערשיינונג וואס רעזולטירט אין א קינדער געלט באפעל ווען צוגעשטימט, וואס איז א באפעל צו וואס ביידע צדדים זענען איינשטימיג.

MOTS געבט פאר די עלטערן מיט און אן זארגרעכטן די געלעגנהייט צו שמועסן, פרעגן פראגעס, און קומען צו אן אפמאך אויף די נייע קינדער געלט פארפליכטונגען סומע. דאס ווערט אויסגעפירט מיט א קינדער שטיצע ארבעטער, אינדרויסן פון פאמיליע געריכט, נוצנדיג די זעלבע אנווייזונגען ווי דער געריכט.



איינמאל מען דערגרייכט אן אפמאך און ביידע עלטערן שרייבן עס אונטער, ווערט א געריכט הירינג געסקעדזשולט. די עלטערן דארפן ערשיינען, אבער געווענטליך נאר איין מאל.

### טױשן די באפעל סומע דורך א לעבנס הוצאה פארריכטונג (COLA)

קינדער געלט באפעלן קענען ווערן געהעכערט מיט א לעבנס הוצאה פארריכטונג (COLA) אן צוריקגיין אין געריכט. נאר די עלטערן מיט זארגרעכט וועמענס קינדער געלט באפעלן ווערן באצאלט דורך OCSS קען באקומען א COLA. די סומע פונעם COLA איז באזירט אויף יערליכע טױשונגען אין די קאנסומער פרייז אינדעקס פאר אורבען ערטער (CPI-U), וואס גייט נאך פרייזן פון זאכן אזוויי עסן, קליידער, האוזינג, טראנספארטאציע, ברענשטאף, און מעדיקל קאסטן.

א COLA קען ווערן צוגעלייגט צו א קינדער געלט באפעל ווען די יערליכע פארמערונג אין די CPI-U זענען כאטש 10% פון דעם דאטום וואס דער באפעל איז ארויסגעגעבן אדער לעצט געטױשט געווארן. עס קען נעמען עטליכע יאר צו דערגרייכן די פארלאנגטע 10% פערמערונג אינעם CPI-U. קעש הילף קליענטן באקומען אויטאמאטיש די COLA ווען זייער קינדער געלט קעיסעס ווערן בארעכטיגט. נישט-קעש הילף קליענטן ווערן געמאלדן דורך די פאסט ווען זייער קעיסעס קומען נאך די פאדערונגען פאר א COLA. זיי מוזן ענטפערן דעם מעלדונג צו באקומען די פארמערונג.

### טױשן די באפעל ווען א קינד ווערט באפרייט

באפעלן קענען זיין פארטיילט. דאס מיינט אז א ספעציפישע דאלער סומע איז באלאנגט פאר יעדע קינד. ווען דאס פאסירט, ווען א קינד ווערט באפרייט וועט דער באפעל זיך אויטאמאטיש טױשן ווען יעדע קינד ווערט באפרייט. טייל באפעלן זענען נישט פארטיילט. אין די פעלער, דארפן ביידע עלטערן/גארדיענס צוריקקומען אין געריכט צו טױשן די באפעל צו אפשפיגלען די באפרייאונג פון א קינד.

## ענדיגן די קינדער געלט באפעל

אין ניו יארק סטעיט איז די עטלערן אן זארגרעכט פאראנטווארטליך צו באצאלן קינדער געלט ביז דאס קינד ווערט באפרייט (אין אלגעמיין, ווען זיי ווערן 21 יאר אלט). ווען דאס יונגסטע קינד אויפן קעס ווערט 21, דארף מען גארנישט טון צו ענדיגן דעם באפעל - עס פאסירט אויטאמאטיש. אין געוויסע אומשטענדן, קענען קינדער געלט באפעלן ווערן פארענדיגט דורכן געריכט פאר די עלטער פון 21, ווען:

- די קינד ווערט באפרייט- ציעט זיך ארויס און קען זיך אליין שטיצן, ווערט פארהייראט, אדער שרייבט זיך איין אין מיליטער.
- די עלטערן אן זארגרעכטן באקומט זארגרעכט פונעם קינד. אין דעם פאל, מוז די עלטערן אן זארגרעכט אריינגעבן א פעטיציע צו ענדיגן דעם באפעל און באשטימען א נייע באפעל קעגן די פריערדיגע עלטערן מיט זארגרעכטן.

- איר קומט זיך צוזאמען מיט די אנדערע עלטערן און וואוינען צוזאמען אין איין הויז. נאכאמאל, א פעטיציע מוז ווערן אריינגעגעבן צו ענדיגן דעם באפעל.

איינמאל א באפעל איז פארענדיגט, קענט איר נאכאלס זיין בארעכטיגט צו באקומען קינדער געלט אויב די עלטערן אן זארגרעכט'ס באצאלונגען זענען נישטבאצאלט ביזן היינטיגן טאג און ער אדער זי האט חובות.





# גט און קינדער געלט

אין ניו יארק סטעיט ווערן גט קעיסעס אויסגעהערט אין העכסטע געריכט. א גט באפעל, וואו רעכנט אויס די טערמינען פונעם גט, ווערט ארויסגעגעבן. א גט באפעל קען אריינרעכענען א קינדער געלט באפעל. די סומע פון קינדער געלט קען ווערן אפגעמאכט צווישן די צוויי עלטערן און זייערע אדוואקאטן, אדער דער הויכע געריכט ריכטער וואס הערט דעם קעיס. אויב דער ריכטער באשטימט די פליכט סומע, וועט ער אדער זי באזירן דעם באפעל אויף די זעלבע ניו יארק סטעיט קינדער שטיצע סטאנדארטן אקט גענוצט אין פאמיליע געריכט. איר קענט בעטן צו מאכן די קינדער געלט באצאלנד צו OCSS און נוצן אונזער סערוויסעס צו זאמעלן און ענפארסירן באצאלונגען.

**דאס צו טון:**

1. פארענדיגט די קינדער שטיצע איינשרייבונג בויגן (LDSS-5258) אויף [nyc.gov/hra/ocss](nyc.gov/hra/ocss), אדער אויף [https://otda.ny.gov/programs/applications/5258.pdf](https://otda.ny.gov/programs/applications/5258.pdf)
2. שיקט די LDSS-5258, א גענצליכע קאפיע פונעם גט פאראָרדענונג, און צייכנט אז איר ווילט עס טוישן אז עס זאל זיין אויסגעשטעלט צו OCSS. שיקט דעם פעקל צו: *OCSS, c/o Accounts Maintenance Director*<br>*PO Box 830*<br>*Canal Street Station*<br>*New York, NY 10013* **אדער**
3. ברענגט אייער גט פאראָרדענונג צו די OCSS פאמיליע געריכט שטיצע סערוויסעס (FCSS) אפיס אין די פאמיליע געריכט אינעם בארא וואו איר וואוינט און שרייבט זיך איין אין קינדער שטיצע סערוויסעס פערזענליך. דאס וועט פארזיכערן אז די גט פאראָרדענונג ווערט געטוישט צו א באפעל אויסגעשטעלט צו OCSS.

די שטיצע באפעל סומע וועט ווערן אריינגעלייגט אין אונזער קאמפיוטער סיסטעם אזוויי עס קומט ארויף אין אייער הויכע געריכט גט פאראָרדענונג. סיי וועלכע פון די עלטערן קענען אריינגעבן א פעטיציע צו טוישן די קינדער געלט באפעל אויב עס איז דא א טויש אין די אומשטענדן, אדער די געברויכן פונעם קינד טוישן זיך. אויב אייער גט פאראָרדענונג זאגט אז די הויכע געריכט האלט אן רעכטן, דאן מוזט איר צוריקגיין צום הויכע געריכט צו פארלאנגן דעם טויש. אויב דער פאראָרדענונג זאגט אז די הויכע געריכט שענקט ביינאנזאמע רעכטן צו פאמיליע געריכט, אדער רעדט בכלל נישט וועגן רעכטן, קענט איר גיין צו סיי וועלכע געריכט.

איר קענט גיין דירעקט צו פאמיליע געריכט זיך צו איינשרייבן פאר קינדער שטיצע סערוויסעס אויב איר האט א גט פאראָרדענונג וואס שליסט נישט איין א קינדער געלט באפעל אדער איר האט נאכנישט אנגעהויבן דעם גט פראצעדור אין הויכע געריכט. איינמאל איר האט אריינגעגעבן פאפירן אין הויכע געריכט און איר האט א דאטום פאר א צוקונפטיגע הירינג, קענט איר נישט בעטן א קינדער געלט הירינג אין פאמיליע געריכט ווילאנג די אנדערע געריכט ענין ווערן געשליכטעט.



# זארגרעכט און באזוכן

זארגרעכט און באזוך רעכטן ווערן נישט אויסגעשמועסט אין א קינדער געלט הירינג און ווערן נישט ארייגערעכנט אין א קינדער געלט באפעל. OCSS גלייבט אז עלטערן אן זארגרעכטן ווען ענדערש באצאלן קינדער געלט אויב ביידע עלטערן/גארדיענס האבן א מונדליכע אדער שריפטליכע אפמאך צו זען די קינדער און אדער זיך באטייליגן מיט פליכטן. עלטערן וואס דארפן הילף מיט זארגרעכט אדער באזוכן קענען אריינגעבן א פעטיציע אין געריכט פאר א זארגרעכט און באזוך הירינג (http://ww2.nycourts.gov/COURTS/nyc/family/faqscustodyandvisitation.shtml). ביים הירינג, קען דער ריכטער אדער אויסהערער שיקן די עלטערן צו פארמיטלונג סערוויסעס. אויב א צופרידנשטעלנדע אפמאך ווערט דערגרייכט דורך די געריכט-רעפערירטע פארמיטלונג פראצעדור, וועט דער ריכטער אדער אויסהערער פארוואנדלען דעם אפמאך פאר א געריכט באפעל. אויב מען דערגרייכט נישט אן אפמאך, וועט דער קעיס צוריקגיין אין געריכט און דער ריכטער אדער אויסהערער וועט באשטימען וויאזוי צו שליכטן די פראבלעמען.

### פרובירן פארמיטלונג צו שליכטן אייער פארשידנהייטן

פארמיטלונג סערוויסעס זענען אויך אוועילעבל אן א געריכט רעפערל צו אויסשמועסן קינדער ערציונג ענינים. עלטערן קענען זיך פארבינדן מיט סיי וועלכע פון די ארגאניזאציעס דירעקט פאר אומזיסטע אדער ביליגע פארמיטלונג סערוויסעס (https://bit.ly/ocssmediation):

- Center For Mediation And Training: 212-799-4302 (אלע קליענטן, באצאלט אויפן שעה)
- Community Mediation Services: 718-523-6868 (קווינס איינוואוינער)
- Institute For Mediation And Conflict Resolution: 718-585-1190 (בראנקס איינוואוינער)
- New York Legal Assistance Group: hrasupport@nylag.org (ווייניג פארדינסט קליענטן)
- New York Peace Institute: 212-577-1740, 718-834-6671 (Brooklyn און Manhattan איינוואוינער)
- Parent Help: 800-716-3468 (פעדעראל באצאלטע פראגראם וואס שטעלט צו אומזיסטע און אנאנימע טעלעפאן העלף ליניע פאר פאטערס און מוטערס וואס וואוינען נישט צוזאמען)

## שטוב געוואלדטאטן און קינדער געלט

ווען רוב מענטשן הערן די ווערטער "שטוב געוואלדעס," טראכטן זיי פון פיזישע געוואלדעס. אבער, אין טייל פעלער, טוען אביוזערס קיינמאל נישט פיזיש אטאקירן זייערע קרבנות. אנדערע פארמס פון אביוז אדער וועגן צו קאנטראלירן קרבנות קענען זיין עמאציאנעל, געשלעכטליך, און פינאנציעלע אביוז. פיל אביוזערס נוצן געלט אלס א מיטל פון קאנטראל. אן אביוזער קען אפזאגן א קרבן'ס צוטריט צו געלט, האוזינג, אדער א קאר, און עס מאכן שווער צו גיין אדער צו בלייבן. אביוזערס קענען סטראשען וועגן קינדער געלט צו קאנטראלירן זייערע קרבנות. אין צוגאב צו דראען מיט פיזישע געוואלדטאטן, קען אן אביוזער אויך זאגן אז איר וועט נישט זען קיין צענט פון קינדער געלט אויב איר פארלאזט זיי און אז איר וועט פארלירן זארגרעכט אויב איר בעט פאר קינדער געלט.

אויב איר האט סיי וועלכע זארגן, ביטע נעמט א מינוט צו ליינען אינפארמאציע וועגן אלע קינדער געלט אפליקאנטן איבער באקומען קינדער געלט זיכערערהייט (W-280a) צו באקומען אויך [https://on.nyc.gov/child-support-safely](https://on.nyc.gov/child-support-safely) אונזער וועבזייטל אויף [www.nyc.gov/hra/ocss](https://www.nyc.gov/hra/ocss). דער דאקומענט ערקלערט די סערוויסעס וואס מיר שטעלן צו וואס קענען פאראורזאכן שטוב גאוואלדעס. אויב איר ווילט נאך אלס באקומען קינדער געלט זענען דא וועגן עס צו טון פארזיכערטערהייט.

אויב איר ווענדט זיך אן פאר קעש הילף, זענט איר פארלאנגט צו קאאפערירן מיט קינדער געלט צו באקומען פולע בענעפיטן פאר אייער פאמיליע. אבער אויב עס איז פארהאן א סכנה פון שטוב געוואלדעס, זאלט איר זאגן פארן ארבעט געלעגנהייט ספעציאליסט (JOS) אינעם ארבעט צענטער אדער די קינדער שטיצע קעיס ארבעטער וועגן אייערע זארגן און איר קענט ווערן ארויסגעלאזט פון דעם פארלאנג.

אויב איר ווענדט זיך נישט אן אדער באקומט קעש הילף און עס איז פארהאן א סכנה פון שטוב געוואלדעס, קענט איר מחליט זיין אויב איר ווילט קינדער געלט סערוויסעס. פיל איבערלעבערס פון שטוב געוואלדעס זארגן זיך וועגן זאמלען קינדער געלט אבער זיי ווילן ווייטער גיין מיט א שטיצע קעיס ווייל זיי דארפן די געלט. אפגעזען פון די אומשטענדן, אסאך מענטשן פילן אז ביידע עלטערן זאלן זיי פאראנטווארטליך פאר די קינדער וואס זיי האבן צוזאמען. אויב איר זענט מחליט צו ווייטער גיין, קענט איר אלעמאל טוישן אייער מיינונג.



- ווען איר גייט אין געריכט צו איינגעבן א פעטיציע פאר קינדער געלט, לאזט די קינדער געלט ארבעטער און סטעיט פאמיליע געריכט שטאב וויסן וועגן אייערע זארגן. זיי וועלן ארבעטן מיט אייך צו פארזיכערן פריוואטקייט פון די קעיס אינפארמאציע און זיכערהייט אין געריכט. איר קענט בעטן אז די געריכט זאל:
  - אראפנעמעןאייעראדרעסאוןארבעטאינפארמאציעפוןפעטיציעסמעלד ונגעןאוןסייוועלכעאנדערעגעריכטבויגנס
  - נישטזאגןפארדיאנדערעעלטערןוואוירוואוינטאדערארבעטאייךער
  - לויבןצוארויסגייןפוןגעריכטבאזונדערפוןדיאנדערעעלטערן
  - באפעלןאזסייוועלכעטעסטינגגעפאדערטצובאשטימעןעלטערנשאפט זאלווערןגעמאכטאויףאנדערעדאטומעןאייך
  - רעפערירןפארשטובגעוואלדטאטןסערוויסעס

- איינמאל איר האט א קינדער געלט באפעל, קען OCSS צושטעלן אדמיניסטראטיווע ענפארסירונג אן אייער מיטארבעט. אויב אייער מצב ווערט מסוכנ'דיג און איר זענט באזארגט פאר אייער זיכערהייט אדער די זיכערהייט פון אייערע קינדער, קענט איר בעטן OCSS סיי ווען צו פארמאכן אייער קעיס.

אויבאירמאכטמיטשטובגעוואלדטאטןאדערווייסטפוןאיינעםוואסמאכטדאסמיטאיזפ ארהאןהילףדיניויארקסיטישטובגעוואלדעסהאטלייןשטעלטצואינפארמאציעוועגןקאו נסעלינגשעלטערססערוויסעספארקינדעראוןלעגאלעהילף



# אינפארמאציע פאר קעש הילף און מעדיציניש הילף קליענט

איר וועט ווערן געסקעדזשולט פאר אן אינטערוויו מיט אן אפיס פון קינדער שטיצע סערוויסעס (OCSS) בארא אפיס אויב איר ווענדט זיך אן פאר אדער באקומט קעש הילף אדער MAO, אדער איר דארפט צולייגן א קינד צו אייער קעש הילף קעיס. ביים אינטערוויו, וועט א קינדער שטיצע ארבעטער אייך פרעגן וועגן די עלטערן אן זארגערטער (די עלטערן וואס וואוינט נישט מיטן הויזגעזינד). אייערע בענעפיטן קענען פארמינערט ווערן אויב איר פארפאלט צו האלטן אייער אפוינטמענט אדער פארפעלט צו צושטעלן דאקומענטן און אינפארמאציע וועגן די עלטערן אן זארגערטער.

### דאקומענטן וואס איר וועט דארפן

דאקומענטן און אינפארמאציע וואס איר וועט דארפן פאר אייער OCSS בארא אפיס אינטערוויו:

- אויסגעפולטע רעפערעל וואז איר האט באקומען צוזאמען מיטן אפוינטמענט מעלדונג (באקומט קאפיעס אויף www.nyc.gov/hra/ocss)
- עלטערן אן זארגערטער'ס סאושעל סעקיוריטי נומער אדער אינדיווידועלע שטייער באצאלער אידענטיפיקאציע נומער (ITIN)
- געבורט סערטיפיקאט פאר יעדע קינד וואס ווערט אויסגערעכנט אויפן פעטישאן
- הייראט סערטיפיקאט, דיוואָרס דעקרי אדער סעפערעישאן פאפירן, אויב שייך
- אנערקענונג פון עלטערנשאפט אדער באפעל פון פיליאציע פון פאמיליע געריכט, אויב שייך
- עלטערן אן זארגערטער אדרעס און טעלעפאן נומער(ן)
- נאמען און דער אדרעס פונעם ארבעטסגעבער פונעם עלטערן אן זארגערטער
- לעצטיגע בילד

*אויב איר ווייסט נישט וואו די עלטערן אן זארגערטער איז אדער זייער סאשעל סעקיוריטי נומער אדער ITIN, שטעלט צו די פאלגנדע אינפארמאציע אונז צו העלפן זיי אידענטיפיצירן:*

- דאטום און פלאץ פון געבורט
- לעצטע אדרעס וואס איז באקאנט
- זיין אדער איר עלטערנ'ס נעמען (אריינגערעכנט מאמע'ס מיידל נאמען)



### קאאפערירן מיט קינדער געלט

אויב איר באקומט אדער ווענדט זיך אן פאר קעש הילף, זענט איר פארלאנגט צו קאאפערירן מיט OCSS צו באקומען פולע בענעפיטן פאר אייער פאמיליע. אויב איר שטעלט נישט צו די פארלאנגטע אינפארמאציע, קענט איר ווערן סאנקציאנירט, וואס מיינט אז אייער קעש הילף בענעפיטן קענען ווערן פארמינערט מיט 25%, איר קענט פארלירן Medicaid פאר אייך, איר קענט ווערן אומבארעכטיגט פאר טייל רענט הילף פראגראמען אדער האבן אייערע רענט סופלעמענט פארמינערט, און די סאנקציע וועט בלייבן אין קראפט סיידן און ביז איר שטעלט צו די ספעציפישע פארלאנגטע אינפארמאציע און ארבעט מיט מיט קינדער שטיצע.

אין טייל פעלער זענען דא גוטע סיבות נישט צו קאאפערירן. איר קענט ווערן ערלויבט א גוטע רעכט פאר די פאלגנדע סיבות:

- איר פארכט פיזישע אדער עמאציאנעלע אביוז פון די אנדערע עלטערן פא ראייך אדער אייער קינד(ער)
- אייער קינד קומט פון א שוואנגערשאפט וואס האט פאסירט דורך א משפחה מיטגליד אדער דורך גוואלד;
- איר ארבעט מיט אן אטארעזירטע אדאפשען אגענטור צו ארלעדיגן די אדאפשען פון אייער קינד.

לאזט די קידנער שטיצע ארבעטער וויסן אויב איינער פון די אומשטענדן גילט פאר אייך. איר וועט ווערן רעפערירט צו א שטוב געוואלדעס קאונסעלער אויב אייערע קלעים איז א רעזולטאט פון פיזישע אדער עמאציאנעלע אביוז. אייער קאונסעלאר וועט מחליט זיין אויב איר האט א גוטע סיבה און איר זענט בארעכטיגט פאר א פולע אדער טיילווייזע וועיווער, וואס מיינט אז איר מוזט נישט קאאפערירן מיט טייל אדער אלע פון די קינדער געלט פאדערונגען אויף די מינוט.

אויב איר ווערט סאנקציאנירט פארן נישט מיטארבעטן, קען אייער סאקנציע ווערן אראפגענומען סיי ווען דורך צושטעלן די ספעציפישע פארלאנגטע אינפארמאציע און מיטארבעטן מיט קינדער שטיצע. איר קענט זיך אויך פארבינדן מיט OCSS Borough Office (https://on.nyc.gov/contactocss) און מיטארבעטן.

## גיין אין געריכט

איר וועט ווערן ערוואַרטעט צו ערשיינען צום קינדער געלט הירינג אויב/ווען אייער קעיס ווערט רעפערירט צום געריכט. עס וועט זיין אן אדוואקאט ביים הירינג צו פארטרעטן די ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו סאשעל סערוויסעס/יומען רעסורסעס אדמיניסטראציע (HRA), די אגענטור וואס געבט איין פעטיציעס פאר קינדער וואס זענען אויף קעש הילף. אבער איר זאלט זיין גרייט צו ענטפערן עטליכע פראגעס. אויב אייער קעש הילף אדער MAO קעיס ווער פארמאכט פארן הירינג דאטום, זאלט איר נאכאלס גיין צום הירינג. די שטיצע מאגיסטראט קען באשטימען עלטערנשאפט און/אדער א קינדער געלט באפעל אויב ביידע עלטערן זענען דארט.

איר קענט זיין בארעכטיגט צו אנטיילנעמען אין די קינדער שטיצע תנאי אפמאך פראגראם (Child Support Stipulation Agreement Program - CSSAP). CSSAP קען מאכן די קינדער געלט פראצעדור גרינגער און קען פארמינערן די צייט וואס איר פארברענגט אין פאמיליע געריכט. רופט 1-929-252-5289 אדער שיקט אן אימעיל צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us מיטן טעמע "CSSAP" צו סקעדזשולן אן אפוינטמענט און געוואר ווערן מער.

## פאסטער קעיר

אויב אייער קינד איז אין פאסטער קעיר, געבט איר איבער די רעכטן פאר קינדער געלט פארדינסט געזאמעלט צום דעפארטמענט פון סאשעל סערוויסעס/אדמיניסטראציע פאר קינדער'ס סערוויסעס. איינמאל איר ווערט צוריק פאראייניגט מיט אייער קינד, ווערט די קינדער געלט פארדינסט געשיקט צו אייך, סיידן איר באקומט קעש הילף. אויב אזוי, זענען די קעש הילף געזעצן גילטיג, דאס מיינט אז איר באקומט די ערשטע $100 (אדער $200 פאר צוויי אדער מער קינדער) און די איבריגע ווערט געהאלטן דורך DSS.

## וויפיל קינדער געלט קענט איר באקומען ווען איר באקומט קעש הילף

- די ערשטע $100 (אדער $200 פאר צוויי אדער מער קינדער) געזאמעלט יעדע חודש פון יעצטיגע קינדער געלט וועט ווערן געשיקט צו אייך אין צוגאב צו אייער קעש בענעפיטן. דאס איז אייער באנוס אדער דורכגאנג באצאלונג און איז אוועילעבל אויף אייער EBT קארטל. אין רוב פעלער, ווערט די איבריגע געזאמעלט געלט גענוצט צו צוריקצאלן HRA פאר אייער קעש בענעפיטן. אויב איר האט שוין געהאט א קינדער געלט באפעל פארן זיך אנווענדן פאר קעש בענעפיטן, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר "פאמיליע חובות באצאלונגען." פרעגט אייער קינדער שטיצע ארבעטער אויב דאס גילט פאר אייך.
- סיי וועלכע קינדער געצט באצאלונגען וואס איר באקומט דירעקט פון די עלטערן אן זארגרעכט, דערווייל וואס איר באקומט קעש הילף, מוזן ווערן איבערגעגעבן צו HRA. האלטן די קינדער געלט באצאלונגען ווערט גערעכנט אלס וועלפעיר שווינדל.



- אויב די סומע קינדער געלט געזאמעלט איז מער ווי אייער בענעפיטן, קענט איר מעגליך פארמאכן אייער קעש הילף קעיס און נאכאלס זיין בארעכטיגט פאר SNAP בענעפיטן (פוד סטעמפס), פארדינטע איינקונפט שטייער קרעדיט (EITC), קינדער קעיר, און Medicaid בענעפיטן.

## באקומען קינדער געלט איינמאל איר פאלאזט קעש הילף

- איינמאל איר באקומט שוין נישט קעש הילף אדער MAO, וועלן אלע באצאלונגען פון די עלטערן אן זארגרעכט פאר יעצטיגע קינדער געלט ווערן געשיקט צו אייך. מיט וועלן ווייטער מאכן זיכער אז די באצאלונגען ווערן געמאכט רעגלמעסיג און אין צייט, אן קיין קאסטן פאר אייך.
- אין טייל פעלער, וועט OCSS האבן די רעכט צו האלטן קינדער געלט באצאלונגען וואס מען איז שולדיג פון ווען אייער פאמיליע האט באקומען קעש הילף. דאס וועט נאר פאסירן איינמאל מען האט אייך באצאלט אלעס וואס מען איז אייך שולדיג באזירט אויף אייער קינדער געלט באפעל אדער ווען פארדינסט איז געזאמעלט געווארן דורך צוריקהאלטן סטעיט אדער פעדעראלע פארדינסט שטייער צוריקצאלונגען.
- אויב איר האט נישט געהאט א קינדער געלט באפעל ווען איר האט באקומען קעש הילף אבער איר האט יעצט אינפארמאציע וואס וועט אונז העלפן זאמלען קינדער געלט פאר אייער פאמיליע, לאזט אונז שוין וויסן דורך רופן די ניו יארק סטעיט קינדער שטיצע הילף ליניע אויף 888-208-4485. אויב מיר קענען טרעפן די עלטערן אן זארגרעכט, וועלן מיר זיך פארבינדן מיט אייך אז איר זאלט קענען אריינגעבן א פעטיציע צו אוועקשטעלן א באפעל.

קינדער געלט באצאלונגען - אין צוגאב צו א פאסטן און אנדערע שטיצע אזוויי פארדינסטע איינקונפט שטייער קרעדיט (EITC), סופלעמענטל ערנערונג הילף פראגראם (SNAP, אויך באקאנט אלס פוד סטעמפס), Medicaid, און סובסידירטע קינדער קעיר- קענען אייך העלפן ווערן פינאנציעל זעלבסשטענדיג און שטיצן אייער פאמיליע.

# טשיילד סופארט קאנטאקט אינפארמאציע

אויב איר האט פראגעס וועגן די טשיילד סופארט פראגראם, דארפט הילף מיט אייער טשיילד סופארט קעיס, אדער דארפט צושטעלן נאך אינפארמאציע צו די OCSS ווי למשל א נייע ארבעטסגעבער אדער א טויש אין אדרעס:

אימעילט די HRA אפיס פאר טשיילד סופארט סערוויסעס קאסטומער סערוויס אויף dcse.cseweb@dfa.state.ny.us.

שרייבט אייער גאנצע נאמען, טשיילד סופארט קעיס DI, און געבורטס דאטום. ביטע שרייבט א דעטאלירטע סובדזשעקט און דעטאלן אין אייער אימעיל כדי די שטאט זאל אייך קענען געבן א גרונטליכע ענטפער.

צו באשטעלן א טעלעפאן אפוינטמענט מיט א קאסטומער סערוויס פארשטייער, ביטע שיקט אן אימעיל צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us.

ביטע שטעלט צו אייער גאנצע נאמען, טשיילד סופארט קעיס ID, געבורטס דאטום, א שילדערונג פון אייער זארג(ן), טעלעפאן נומער, און די בעסטע צייט אייך צו רופן. שרייבט אריין "Requesting a Customer Service Appointment" אלס די סובדזשעקט פון אייער אימעיל. טעלעפאן אפוינטמענט פארלאנגען וועלן באקומען אן ענטפער ביז 3 ביזנעס טעג.

באזוכט די HRA OCSS קאסטומער סערוויס וואלק-אין צענטער אדער א פאמיליע געריכט אפיס. לאקאציעס קען מען טרעפן ביי https://on.nyc.gov/contactocss.

באזוכט די HRA OCSS וועבזייטל אויף https://nyc.gov/hra/ocss צו לערנען מער וועגן טשיילד סופארט סערוויסעס.

רופט די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט הילף ליניע אויף 888-208-4485.

שיק פאסט קארעספאנדענץ צו:
OCSS
PO Box 830
Canal Street Station
New York, NY 10013



# אנליין ריסאורסעס

יו יארק סיטי אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS)
nyc.gov/hra/ocss

זעט טשיילד סופארט ווידעאס
youtube.com/hranyc

ניו יארק סיטי אפיס פון פינאנציעלע פארשטערקערונג
אומזיסטע פינאנציעלע קאונסעלינג און עדיוקעישן
nyc.gov/ofe

ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון טשיילד סופארט סערוויסעס,
זעט אייער קאונט'ס אינפארמאציע*
childsupport.ny.gov

ניו יארק סטעיט יוניפייד געריכט סיסטעם
nycourts.gov

NYC Access HRA טשיילד סופארט מאביל עפפ
http://www.nyc.gov/childsupportmobile

# ביישפּיל קינדער געלט באַפעל

**טייל 1**

F.C.A. §§ 413, 416, 433, 438,
439, 440,442-447, 471; Art.5-B,

**פאמיליע געריכט אקט געזעצן וואס פירן די געריכט היִרינג**

4-7 11/2002 **בויגן נומער און דאטום פון ארויסגעבן**

ביי א טערמין פון די פאמיליע געריכט פון די
סטעיט פון ניו יארק, געהאלטן אין און פאר די
קאונטי פון Richmond, ביי
100 Richmond Terrace, Staten Island, NY
10301,אום אקטאבער 4, 2004

**געריכט אדרעס און היִרינג דאטום**

**טייל 2**

**אנוועזנד: פאמיליע געריכט,** שטיצע מאגיסטראט
אינעם ענין פון א שטיצע פראסידינג

**עלטערן מיט זארגרעכט,** SSN: XXX-XX-XXXX,
פעטישינער,

– אנטקעגן –

**עלטערן אן זארגרעכט,** SSN: XXX-XX-XXXX,
רעספאנדענט.

**צדדים פארמישט**

**פייל #:** XXXXX
**דאקעט #:** F-XXXXX-XX
**CSMS #:** XXXXXXXXX

**קינדער געלט קעיס און געריכט אידענטיפיצירן אינפארמאציע**

**באפעל פון שטיצע** — **סארט באפעל**

**טייל C**

מעלדונג: אייער וויליגע פארפעלן צו אויספאלגן דעם באפעל קען פאראורזאכן איינשפארן פאר קרימינאלע נישט שטיצן אדער קאנטעמפט. פארפעלן צו אויספאלגן דעם באפעל קען פאראורזאכן סוספענדירן פון אייער דרייווער'ס לייסענס, סטעיט ארויסגעגעבנע פראפעסיאנעלע, טרעיד, ביזנעס און אקיופעישאנעל לייסענסעס און רעקריעישאנעל און ספארט לייסענסעס און פערמיטס; און ארויסלייגן ליענס אויף ריעל און פערזענליכע פראפערטי.

ספעציפישע שריפטליכע קעגנשטעלונג צו דעם באפעל מוז ווערן איינגעגעבן צו דעם געריכט אינערהאלב 30 טעג פונעם דאטום וואס דער באפעל איז ערהאלטן געווארן אין געריכט אדער דורך פערזענליכע סערוויס, אדער אויב דער באפעל איז ערהאלטן געווארן דורך פאסט, אינערהאלב 35 טעג פון ארויסשיקן דעם באפיל.

**אריינגעבן א קעגנשטעלונג**

**טייל D**

די אויבנדערמאנטע פעטישענער האט אריינגעגעבן א פעטיציע אין געריכט אום יוני 22, 2004, זאגנדיג אז **עלטערן אן זארגרעכט** איז פאראנטווארטליך פאר די שטיצע פון:

| **נאמען** | **דאטום פון געבורט** |
|---|---|
| **קינד'ס נאמען** | **XX/XX/XXXX** |

**עלטערן אן זארגרעכט** זענען ערשינען אין געריכט צו ענטפערן דעם פעטיציע, זענען דערוויסנד געווארן דורכן געריכט וועגן די רעכט פאר קאונסעל, און צו צייגן פארוואס א באפעל פון שטיצע און אנדערע רעליעף געהאפט אינעם פעטיציע זאל נישט ווערן געשאנקן; און **עלטערן אן זארגרעכט** האט מודה געווען צו די שולד קלאגעס פונעם פעטיציע; און דעם ענין איז געקומען צו ווערן געהערט פאר דעם געריכט;

יעצט, נאכן באקוקן און אויספרעגן די פאקטן און אומשטענדן פונעם קעיס און הערן די באוויז און עדות צוגעשטעלט דערמיט, געפינט דער געריכט אז: **עלטערן אן זארגרעכט** אי דער צד אן זארגרעכט וועמענס אויסגערעכנטע טייל פון די עיקר קינדער געלט פארפליכטונג איז XX.XX$ וועכנטליך פאר די פאלגנדע קינד:

| **קינד נאמען** | **דאטום פון געבורט** | **סאשעל סעקיוריטי #** |
|---|---|---|

און דער געריכט געפינט ווייטער אז: די עלטערן אן זארגרעכט'ס אויסגערעכנטע טייל פון די עיקר קינדער שטיצע פארפליכטונג איז נישט אומיושר'דיג און נישט אומפאסיג;

**טייל E**

עלטערן אן זארגרעכטן איז יעצט ארבעטסלאזיג; **עלטערן אן זארגרעכט'ס ארבעט סטאטוס**

יעצט, נאכן אריינקוקן און זיך נאכפרעגן איבער די פאקטן און אומשטענדן פונעם קעיס און נאכן הערן די באוויז און עדות צוגעשטעלט אין פארבינדונג, איז עס

באפוילן און באשטימט אז גילטיג יאנואר 28, 2005 **איז די עלטערן אן זארגרעכט** שולדיג פאר די שטיצע פון די פאלדנגע מענטשן(ן) און האט די מעגליכקייטן צו פארדינען די געלטער צו צושטעלן די באצאלונגען אינעם סומע פון XX.$ XX יעדע וואך צו **עלטערן מיט זארגרעכט** דורך סערטיפייד טשעק אדער מאני ארדער באצאלנד צו די שטיצע זאמלונג יוניט, די באצאלונגען הויבן זיך אן אום יאנואר 28, 2005, פאר די שטיצע פון **עלטערן אן זארגרעכט'ס** קינדער, אויסגעטיילט ווי פאלגנד:

**דער מענטש וואס באקומט קינדער געלט באצאלונגען**

**גילטיגע דאטום פון די קינדער געלט באפעל (אייער דאטום וועט זיין אנדערש)**

דאקעט נומער: F-XXXXX-XX

**טייל 5 פארגעזעצט**

| 4-7 נאמען קינדער | סאשעל סעקיוריטי # | דאטום פון געבורט | סומע |
|---|---|---|---|
| קינד | | XX/XX/XXXX | |
| | | סך הכל קינדער געלט: | $XX.XX וועכנטליך |

באפוילן אז דער באצאלער, זארגרעכט צד און סיי וועלכע אנדערע אינדיווידועלע צדדים מעלדן זאפארט דעם שטיצע זאמלונג יוניט פון סיי וועלכע טוישונדען פון די פאלגנדע אינפארמאציע: וואוינארט און פאסט אדרעס, סאשעל סעקיוריטי נומער, טעלעפאן נומער, דרייווער'ס לייסענס נומער; און נאמען, אדרעס און טעלעפאן נומערן פון די צדדים'ס ארבעטסגעבערס און סיי וועלכע טויש פון העלט אינשורענס בענעפיטן, אריינגערעכנט אפהאקן פן בענעפיטן, טויש אין העלט אינשורענס בענעפיטן קעריער אדער פרימיום, אדער דערגרייך און אווילעביליטי פון עקזיסטירנדע אדער נייע בענעפיטן, און עס איז ווייטער

**מעלדונג צו לאזן וויסן דעם אגענטור פון סיי וועלכע טויש אין וואוינונג, ארבעט, א.ד.ג.**

באפוילן אז דער באפעל זאל ווערן איינגעפירט אין איינקלאנג מיט טייל 5241 אדער 5242 פונעם ציווילע פראקטיס געזעץ און אנווייזונגען, אדער אין סיי וועלכע אנדערע וועג צוגעשטעלט דורכן געזעץ; און עס איז ווייטער

באפוילן אז **עלטערן אן זארגרעכט** זאל באצאלן נאך קאסטן ווי פאלגנד:

| קאסט/באצאלטער אומבאצאלטע געזונט פארבינדענע/ | באצאלונג | באצאלט צו |
|---|---|---|
| **עלטערן מיט זארגרעכט** טשיילד קעיר/ | % XX | דורך SCU |
| **עלטערן אן זארגרעכט** | % XX | דירעקט |

**אויסגאבן אין צוגאב צו די עיקר קינדער געלט סומע:**
- **מעדיקל**
- **טשיילד קעיר**
- **עדיוקעישאן**

**טייל 6**

עס איז ווייטער באפוילן אז אלע באצאלונג באצאלנד דורך די שטיצע זאמלונג יוניט זאל געשיקט ווערן אויף פאסט צו: Support Collection Unit, PO Box 15363,
Albany, NY 12212- 5363;

**וואו צו שיקן באצאלונגען ביז זיי קומען דורך אייער ארבעט.**

עס ווערט ווייטער באפוילן אז א קאפיע פון דעם באפעל זאל ווערן זאפארט צוגעשטעלט דורך די שטיצע זאמלונג יוניט צו די ניו יארק סטעיט רעגיסטרי פון קינדער געלט באפלען באשטימט אין איינקלאנג מיט טייל 111-b(4-a) פון די סאשעל סעקיוריטי סערוויסעס געזעץ; און עס איז ווייטער באפוילן אז דאס איז א XX$ פער וואך באפעל פון שטיצע פון 10/8/04 ביז עס איז געהעכערט געווארן אום 1/28/05.

**קיצור פון געריכט געפינסן**

**טייל 7**

באמערקונג1) :) דער באפעל פאר קינדער געלט וועט ווערן געטוישט דורך דאס צופאסן פון א לעבנס הוצאה פארגלייכונג אויפן פארלאנג פון די שטיצע זאמלונג יוניט נישט פריער ווי פיר און צוואנציג מאנאטן נאך דער באפעל ווערט ארויסגעגעבן, אדער לעצט געטוישט געווארן, לויטן פארלאנג פון סיי וועלכע פון די צדדים צום באפאל אדער לויט שטיקל (2) אונטן. נאכן אריינגעבן א לעבנס הוצאה פארגלייכונג אויפן פארלאנג פון די שטיצע זאמלונג יוניט, וועט א געטוישטע באפעל ווערן געשיקט צו די צדדים וואס, אויב זיי שטעלן זיך קעגן די לעבנס הוצאה פארגלייכונג, האבן פינעף און דרייסיג (35) טעג פונעם דאטום פונעם ארויסשיגן צו אריינגעבן א שריפטליכע קעגנשטעלונג צום געריכט געצייכנעט אויף די געטוישטע באפעל. נאכן באקומען א שריפטליכע קעגנשטעלונג, וועט דער געריכט סקעדזשולען א הירינג אין וואס ביידע צדדים קענען זיין אנוועזנד צו צושטעלן באוויז מיט וואס דער געריכט זאל זיך רעכענען ביים טוישן די קינדער געלט באפעל אין איינקלאנג מיט די קינדער שטיצע סטאנדערטן אקט.

**לעבנס-הוצאה פארריכטונגען (COLA)**

(2) א באקומער פון פאמיליע הילף וועט האבן די קינדער געלט באפעל איבערגעקוקט און געטושיט אויפן פארלאנג פונעם שטיצע זאמלונג יוניט נישט פריער ווי פיר און צוואנציג מאנאטן נאך א באפעל איז ארויסגעגעבן געווארן אדער לעצט געטוישט געווארן אן ווייטערדיגע פארלאנג פון סיי וועלכע צדדים. אלע צדדים וועלן באקומען מעלדונג פון געטוישטע געפינסן.

(3) וואו סיי וועלכע צד פעלט צו צושטעלן, און דערהיינטיגן סיי וועלכע טויש, די שטיצע זאמלונג יוניט מיט א יעצטיגע אדרעס צו וואס א געטוישטע באפעל קען ווערן געשיקט, ווי פארלאנגט אין טייל 443 פון די פאמיליע געריכט אקט, די שטיצע פליכט סומע אין דעם וועט ווערן שולדיג אויפן דאטום וואס די ערשטע באצאלונג איז שולדיג געווארן אונטער די טערמינען פונעם באפעל פון שטיצע וואס איז איבערגעקוקט און געטוישט געווארן אום אדער נאך די גילטיגע דאטום פונעם באפעל אפגעזען פון אויב דער צד האט באקומען אדער נישט באקומען די געטוישטע באפעל.

**מיטן דאטום:** אקטאבער 4, 2004 — איינטריט
**פאמיליע געריכט, שטיצע מאגיסטראט**

**נאמען און זיגל פון שטיצע מאגיסטראט**

**צייכנט פאסיגע קעסטל:**
☐ באפעל ארויסגעשיקט אום [specify date(s) and to whom mailed]: ___________________
באפעל ערהאלטן אין געריכט אום [specify date(s) and to whom given]:_______________

# גלאָסאַר פון קינדער געלט טערמינען

## A

**פעלנדע עלטערן:** מענשט וואס פעלט פונעם שטוב און איז לעגאל פאראנטווארטליך צו צושטעלן פינאנציעלע שטיצע פאר א דעפענדענט קינד (אויך אנגערופן די עלטערן אן זארגרעכט, נישט איינוואוינער עלטערן, און רעספאנדענט אין געריכט).

**רעכענונג:** סומע פון קינדער געלט באצאלונגען וואס זענען שפעט.

**אנערקענונג פון עלטערנשאפט (AOP):** בויגן וואס באשטימט עלטערנשאפט (לעגאלע פאטערשאפט) פון א קינד דורך א פרייוויליגע פראצעדור, אן גיין אין געריכט. עס מוז ווערן אויסגעפולט און אונטערגעשריבן דורךביידע עלטערן.

**צוגעלייגטע סומע:** סומע צו ווערן געצאלט דורך פארדינסט אויספירונג אין צוגאב צו די רעגלמעסיגע קינדער געלט פארפליכטונג צו באצאלן א חוב אויפן אקאונט.

**אפהאלט:** צייטווייליגע אפשטויפונג פון א הירינג ביז א ספעציפישע דאטום אינפע צוקונפט.

**אדמיניסטראטיווע פראצעדור:** מיטל דורך וואס שטיצע באפעלן זענען ענפארסירט דורך OCSS אנשטאט דורך די געריכט און ריכטערס.

**אפידעיווויט:** שריפטליכע דערקלערונג פון פאקטן געמאכט פרייוויליג געשוואוירענעהייט.

**פארטיילטע קינדער געלט באפעל:** באפעל וואס רעכנט אויס יעדע צד פונעם באפעל (קינדער, מאן/ווייב) מיט א ספעציפישע סומע באשטימט פאר יעדע דעפענדענט.

**טויש L** טויש צו א לעגאלע דאקומענט.

**חובות: סומע פון קינדער געלט וואס איז שפעט און נישט באצאלט.**

**טיילונג פון שטיצע רעכטן:** אפמאך פון א מענטש צו איבערגעבן צום סטעיט סיי וועלכע רעכטן פאר קינדער געלט פארדינסט וואס זאמלען זיך אן דערווייל וואס זיי באקומען קעש הילף אין אויסטויש פאר קעש הילף און אנדערע בענעפיטן.

## B

**עיקר קינדער געלט פארפליכטונג:** סומע פון קינדער געלט באפעל באזירט אויף א באשטימטע פראצענט פון עלטערן פארדינסט, פאר מעדיקל שטיצע און קאסטן פאר קינדער קיער, און/אדער עדיוקעישאנעל קאסטן ווערן צוגעלייגט.

**באנוס באצאלונג:** קעש הילף באקומערס מיט קינדער געלט באפעלן קענען באקומען ביז $100 א חודש (אדער $200 פאר צוויי אדער מער קינדער וואס באקומען קינדער געלט) פון די געזאמעלטע שטיצע אין די זעלבע חודש וואס עס איז שולדיג. (זעט אויך דורכגאנג באצאלונג).

**יאך פון באווייז:** פליכט פון א צד צו פראדוצירן גרעסערע באווייז אויף א געוויסע ענין.

## C

**קעש הילף:** רעגירונג בענעפיט וואס שטעלט צו פינאנציעלע שטיצע צו זייער נידריגעע פארדינערס און פאמיליעס, געפירט אין ניו יארק דורך די HRA (יומען רעסורסעס אדמיניסטראציע). קעש הילף ווערט געשיקט צו קליענטן עלעקטראניש דורך EBT (עלעקטראנישע בענעפיטן טראנספער).

**קעש אונטערנעמונג:** אין רעזולטאט פון א געריכט הירינג, קען אן עלטערן אן זארגרעכט ווערן באפולן צו באצאלן א קעש דעפאזיט צום OCSS שטיצע זאמלונג יוניט פון ביז דריי יאר ווערד פון קינדער געלט באצאלונגען. באצאלונגען קענען ארויסגענומען ווערן פון דעם דעפאזיט אויב די עלטערן אן זארגרעכט פארפאלט צו באצאלן קינדער געלט רעגלמעסגי.

**טויש פון אומשטענדן:** אומערווארטעטע טויש אין עלטערן אן זארגרעכט'ס פינאנציעלע צושטאנד צוליב שאדן, קראנקהייט, אדער פלוצלונגדיגע פארלוסט פון ארבעט וואס אפעקטירט זייער מעגליכקייט צו באצאלן די געריכט-באפוילענע שטיצע; א סיבה זיך צו אנווענדן פאר א פארמינערונג טויש אין געריכט. דריי יאר מוזן אדורך גיין פון ווען דער באפעל איז באשטימט אדער געטוישט געווארן און עס מוז זיין א טויש פון כאטש 15% פון פארדינסט.

**טויש פון באצאלטער:** ערלויבט פאר פריוואטע קינדער געלט באצאלונגען צו ווערן געשיקט צו OCSS פאר פראצעסירונג, האלטן רעקארדס, אויסטיילונג און ענפארסירונג.

**קינדער שטיצע סטאנדארטן אקט (CSSA):** לעגיסלאציע איינגעפירט אין 1989 צו מאכן קינדער געלט באפעלן יושר'דיגע און אייניג דורכאויס ניו יארק סטעיט דורך מאכן א סטאנדארט פארמולע צו רעכנען עיקר קינדער געלט באפעלן.

**COLA (לעבנס הוצאה פאררעכטונג):** העכערונג אין קינדער געלט באפעלן, אן א געריכט הירינג. COLA איז באזירט אויף די קאנסומער פרייז אינדעקס פאר אלע אורבאן קאנסומערס (CPI-U), וואס האלט חשבון פון טעגליכע לעבנס הוצאות אזוויי עסן, קליידער, האוזינג, א.א.וו.

**שותפות'דיגע יוריסדיקציע:** א באפעל וואס ערלויבט מער פון איין געריכט צו מאכן באשלוסן וועגן און טוישן קינדער געלט באפעל. דאס קען פאסירן מיט ניו יארק סטעיט הויכע געריכט און פאמיליע געריכט.

**קאנסומער קרעדיט באשיצונג אקט (CCPA):** פעדעראלע געזעץ וואס באגרעניצט די סומע וואס קען ווערן צוריקגעהאלטן פו פארדינסטן; עס נעמט אין באטראכט נעט פארדינסט נאך געפאדערטע שטייערן זענען אראפגערעכנט, די סומע פון חובות שולדיג, און אויב נאך א פאמיליע ווערט אויסגעהאלטן.

**געריכט באפעל:** לעגאל פארפליכטנדע דאקומענט ארויסגעגעבן דורך א געריכט פון געזעץ. א געריכט באפעל פארבינדן מיט קינדער געלט וואס שליסט איין ווי אפט, וויפיל, ווי לאנג, און וועלכע סארט שטיצע די עלטערן אן זארגערכט מוז באצאלן און אויב אן ארבעטסגעבער מוז צוריקהאלטן די שטיצע פון זייער געהאלט.

**CPI-U (קאנסומער פרייז אינדעקס פאר אלע אורבאן קאנסומערס):** גייט נאך פרייזן פון זאכן אזויווי עסן, קליידער, און האוזינג אויף א יערליכע באזיס. לעבנס-הוצאה פארריכטונגען (COLA) זענען באזירט אויף די יערליכע טוישונגען אינעם CPI-U.

**עלטערן מיט זארגערכט (CP):** עלטערן, קרוב, אדער גארדיען וואס וואוינט מיט און איז דער עיקר קעיר נעמער פונעם קינדער אדער קינדער.

**זארגערכט:** לעגאלע באשטימונג וואס באשטימט מיט וועמען דאס קינד וועט וואוינען: מוטער, פאטער, אדער אן אנדערע ערוואקסענע.

# D

**באפעל:** געריכטליכע באשלוס פון א געריכט.

**דיפאולט באפעל:** קינדער געלט באפעלן ארויסגעגעבן ווען די עלטערן אן זארגערכט פארפעלט צו צושטעלן גענוג אינפארמאציע אדער פארפעלט צו ערשיינען אין געריכט, און באווייז פון סערוויס סאמענס איז צוגעשטעלט געווארן.

**פארפעלונג:** א סומע געלט שולדיג אויף א קינדער געלט קעיס אבער נישט באצאלט.

**דעפענדענט:**א קינד וואס איז אונטער די קעיר פון א צווייטן. רוב קינדער וואס זענען בארעכטיגט פאר קינדער געלט זענען דעפענדענטס.

**דעסק איבערזוכט:** אן איבערזוכט פארלאנגט דורך אן עלטערן מיט זארגערכט וואס באקומט קעש הילף צו פארזיכערן אז די דורכגאנג באצאלונג ערהאלטן איז ריכטיג.

**דירעקט באצאל באפעל:** קינדער געלט איז באצאלנד דירעקט פון די עלטערן אן זארגערכט צו די עלטערן מיט זארגערכט.



**פארטיילונג:** דאס באצאלונג פון געזאמעלטע קינדער געלטער צו עלטערן מיט זארגערכט דער דער דאפארטמענט פון סאשעל סערוויסעס אויב דער קליענט באקומט קעש הילף.

**אפווארפן אן נגיעות:** פעטיציע ווערט יעצט ארויסגעווארפן אבער קען נאכאמאל אויפגענומען ווערן אין געריכט אויף א שפעטערע דאטום. צום ביישפיל, עס איז נישט דא קיין סאמענס סערווירונג.

**אפווארפן מיט נגיעות:** די פאקטן פון א פעטיציע ווערן געפינען נישט צו האבן קיין גרונט און דער קעיס איז ענדגילטיג ארויסגעווארפן ון געריכט. צום ביישפיל: DNA ווייזט אויף אז דער רעספאנדענט איז נישט די ביאלאגישע טאטע.

**נוצבארע פארדינסט:** סומע פון געלט פארבליבן נאך שטייער און Medicare, FICA און פעפנציע פלאן באצאלונג זענען אראפגערעכנט געווארן.

**DNA טעסט:** אנאליזירונג פון גע'יירש'נטע פאקטארן צו באשטימען אויב א געוויסע מאן איז דאס קינד'ס פאטער; DNA סעמפלס ווערן גענומען פון אינערווייניג פון די באקן פונעם פאטער, מוטער און קינד נוצנדיג א ספעציעלע געמאכטע שטעקן.

**דאקעט נומער:** נומער באשטיצט דורכן געריכט צו אידענטיפיצירן דעם קעיס.

# E

**עלעקטראנישע בענעפיטן טראנספער (EBT)** מיטל דורך וואס די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי היף (OTDA) שיקט קעש און SNAP בענעפיטן צו באקומערס. צוטריט צו בענעפיטס איז דורך אן ID קארטל און PIN.

**באפרייט:** א קינד וואס וואוינט נישט מיט זיין אדער איר עלטערן און האט א מקור פון פארדינסט, אדער איז אין מיליטער, אדער פארהייראט.

**ענפארסירונג:** צושטעל פון מיטלען צו באקומען באצאלונג פון א קינדער געלט אדער מעדיקל שטיצע פארפליכטונג אין א קינדער געלט באפעל. ביישפילן שליסן איין פארכאפן פון פארמעגן, סוספענדירן דרייווער'ס לייסענס, אפזאגן פון א U.S פאספארט, א.ד.ג.

**באשטעטיגונג:** פראצעדור פון אויפווייזן עלטערנשאפט און/אדער באקומען א געריכט באפעל צו לייגן א קינדער געלט פארפליכטונג אין פלאץ.

**איבערשטייגונג שטיצע:** ווען די סומע פון קינדער געלט פארדינסט געזאמעלט איז מער ווי די סומע פון קעש הילף בענעפיטן ערהלטן דורך א קליענט.

# F

**פאמיליע געריכט שטיצע סערוויסעס (FCSS):** אן אפטיילונג פון OCSS וואס באהאנדעלט דאס אריינעמען פון לאקאלע נישט-קעש הילף קינדער געלט קעיסעס.

**פאמיליע שטיצע אקט:** געזעץ איינגעפירט אין 1988 וואס פארלאנגט באלדיגע געהאלט צוריקהאלטונג פון קינדער געלט באפעלן און פארלאנגט אז סטעיטס זאלן נוצן די אנווייזונגען צו באשטימען די סומע פון שטיצע פאר יעדע פאמיליע.

**פעדעראלע עלטערן טרעפן סערוויס (FPLS):** קאמפיוטערייזד נאציאנעלע נעטווארק סערוויס וואס העלפט סטעיטס טרעפן עלטערן אן זארגערעכט דורך צופאסן דעטעבעיס אינפארמאציע; FPLS קען צושטעלן אינפארמאציע וואס איז בייהילפיג צו באשטימען זארגערעכט, עלטערנשאפט, און קינדער געלט און פאר אדאפשען און פאסטער קעיר ענינים.

**פינאנציעלע אויפדעקונג אפידעיוויט:** דאקומענט וואס ווערט געגעבן צו ביידע צדדים אין א קינדער געלט קעיס, וואס פארלאנגט דעטאלירטע פינאנציעלע, געהאלט, און קאסטן אינפארמאציע; גענוצט דורכן געריכט צו באשטימען קינדער געלט, מעדיקל שטיצע, קינדער קעיר, און אנדערע טייל פון די קינדער געלט באפעל.

**געפינסן פון פאקט:** צייכענעס און רעכענונגען גענוצט ביים שטיצע מאגיסטראט צו באשטימען א קינדער געלט באפעל.

# G

**צוריקהאלטונג:** לעגאלע פראסידינג אין וואס טייל פון א מענטש'ס געהאלט און/אדער פארמעגן ווערן צוריקגעהאלטן פאר באצאלונג פון א חוב פון קינדער געלט.

**גוטע סיבה:** לעגאלע סיבה פאר וואס א קעש הילף אפליקאנט אדער באקומער איז ענטשולדיגט פון קאאפערירן מיט קינדער געלט.

# H

**הירינג:** לעגאלע פראסידינג געלאטן פארנט פון א ריכטער. דער ריכטער ביי א קינדער געלט הירינג ווערט אנגערופן א שטיצע מאגיסטראט.

# I

**איינקונפט:** סיי וועלכע פארם פון באצאלונג צו אן אינדיווידועל, אפגעזען פון קוואל, אריינגערעכנט געהאלט, קאמישאנס, באנוסעס, ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס, ארבעטער'ס פארגוטיגונג, דיסאביליטי, פענסיע, אדער אינטערעסט. קעש הילף און SSI בענעפיטן ווערן נישט גערעכנט אלס איינקונפט.



**פארינסט צוריקהאלטונג באפעל (IWO):** אדמיניסטריווע פראצעדור אין וואס אן עלטערן אן זארגערעכט'ס קינדער געלט באצאלונגען ווערן אראפגערעכנט דירעקט פון זיין אדער איר געהאלט אדער אנדערע פארדינסט און געשיקט צום קינדער שטיצע זאמלונג יוניט. קען אויך ווערן אנגערופן געהאלט צוריקהאלטונג, צוריקהאלונג, אדער פעיראל אראפרעכענונג.

**איינקונפט אראפרעכענונג(IEX):** אדמיניסטריווע פראצעדור אין וואס אן עלטערן אן זארגערעכט'ס קינדער געלט באצאלונגען ווערן אראפגערעכנט דירעקט פון זיין אדער איר געהאלט אדער אנדערע פארדינסט און געשיקט צום קינדער שטיצע זאמלונג יוניט. קען אויך ווערן אנגערופן געהאלט צוריקהאלטונג, צוריקהאלונג, אדער פעיראל אראפרעכענונג.

**אפשטעל:** מיטל פון פארזיכערן קינדער געלט דורך נעמען א טייל פון נישט-געהאלט באצאלונגען געמאכט צו אן עלטערן אן זארגערעכט. נישט-געהאלט באצאלונגען אויסגעשטעלט צו פארכאפונג אריינגערעכנט שטייער צוריקצאלונגען און לאטערי געווינסען.

**אינטערסטעיט קעיסעס:** קעיסעס אין וואס דער דעפענדענט קינד און עלטערן אן זארגערעכט וואוינען אין אנדערע סטעיטס און ווען צוויי סטעיטס זענען פארמישט אין טייל קינדער געלט קעיס אקטיוויטעטן, אזויווי באשטימען אדער אנפארסירונג.

# J

**פאסן צענטער:** איינטריט פונקט פאר מענטשן וואס זוכן קעש הילף. שטעלט צו איין-פלאץ צוטריט צו זוכן ארבעט, טרענירונג, און פלאצירונג און בענעפיטן אזוויי Medicaid און SNAP, אדער פוד סטעמפס. OCSS באקומט רעפערעלס פון פאסן צענטער פאר קליענטן וואס זענען פארלאנגט צו קאאפערירן מיט די קינדער געלט פראגראם.

**משפט:** אפיציעלע באשלוס אדער געפינסן פון א ריכטער אדער שטיצע מאגיסטראט.

**יוריסדיקציע:** די לעגאלע באפולמעכטיגונג וואס א געריכט אדער אדמיניסטריווע אגענטור האט איבער געוויסע מענטשן און איבער געוויסע סארט קעיסעס, געווענטליך אין א געוויסע געאגראפישע ארט.

# L

**לעגאלער פאטער:** מענטש וואס איז אנערקענט דורכן געזעץ אלס די מאן-עלטערן פון א קינד. צו ווערן אנערקענט אלס די לעגאלער פאטער, מוז עלטערנשאפט ווערןבאשטימט אויב די עלטערן זענען נישט פארהייראט איינער צום צווייט.

**ליען:** קלעים אויף פראפערטי צו פארמיידן פארקויפן אדער איבערגעבן ביז א חוב איז באצאלט.

**טרעפן:** פראצעדור אין וואס די עלטערן אן זארגרעכט ווערט געטראפן פארן ציל פון באשטימען עלטערנשאפט און באשטימען און/אדער ענפארסירן א קינדער געלט פארפליכטונג.

**לאנגע ארעם יוריסדיקציע:** לעגאלע ערלויבעניש וואס ערלויבט א מענטש צו דערקלערן פערזענליכע רעכטן איבער איינער וואס וואוינט אין אן אנדערע סטעיט.

**לאטערי אפשטעל:** פראצעדור אין וואס אן עלטערן אן זארגרעכט'ס לאטערי געווינסן ווערן געשיקט צום אפיס פון קינדער שטיצע ענפארסירונג צו באצאלן פארשפעטיגטע שטיצע פארפליכטונגען.

## M

**נאר מעדיקל הילף (MAO), אדער נאר MEDICAID:** סארט פובליק הילף וואס שטעלט צו בענעפיטן צו באקומערס נאר אין פארם פון מעדיקל, נישט פינאנציעלע, הילף.

**מעדיקל שטיצע:** לעגאלע ערלויבעניש פאר מעדיקל דעקונג צו ווערן אריינגערעכנט אין א קינדער געלט באפעל.

**טויש פעטיציע:** פארמאלע שריפטליכע אפליקאציע צו א געריכט צו בעטן צו טוישן אן עקזיסטירנדע קינדער געלט באפעל.

**געלט משפט:** ספעציפישע סומע חובות באשטימט דורך די שטיצע מאגיסטראט אין א פארמאלע משפט, וואס זאמלט 9% אינטערעסט יערליך. א געלט משפט קען ווערן איינגעגעבן מיט די קאונטי קלערק'ס אפיס.

## N

**נאציאנעלע מעדיקל שטיצע מעלדונג (NMSN):** מעלדונג געשיקט צו די עלטערן אן זארגרעכט'ס ארבעטסגעבער וואס פארלאנגט אז העלט אינשורענס דעקונג זאל ווערן צוגעשטעלט ווען אוועילעבל.

**נייע אויפנאמע באריכטן:** פראגראם וואס פארלאנגט אלע ארבעטסגעבער צו באריכטן נייע אויפגענומענע ארבעטערס צו די ניו יארק סטעיט דייערעקטארי פון נייע אויפנאמעס פאר מעגליכע ענפארסירונג פון קינדער געלט און מעדיקל שטיצע פארפליכטונגען דורך געהאלט אראפרעכענונגען.

**עלטערן אן זארגרעכט (NCP):** עלטערן וואס וואוינט נישט מיט און איז נישט דער עיקר קעיר נעמער פון א מינדעריעריגע קינד.



**נאטערייז:** צו באשטעטיגן אפעס, צום ביישפיל אן אונטערשריפט, אויף א לעגאלע דאקומענט אלס אוטענטיש אדער לעגיטים, דורך צושטעלן א זיגל און אונטערשריפט.

**NUNC PRO TUNC:** לאטייניש פאר "יעצט פאר דעמאלס" - עס רעדט זיך וועגן א טויש פונעם דאטום פון א באפעל, משפט, אדער איינגעבונג פון א דאקומענט, צוריק צו א פריערדיגע דאטום.

## O

**קעגנשטעלונג:** שריפטליכע קלאגע אז מען איז נישט איינשטימיג מיט א ספעציפישע טייל פון א באפעל. מוז איינגעגעבן ווערן אינערהאלב 30 טעג פון באקומען דעם באפעל.

**פארפליכטונג סומע:** די סומע פון קינדער געלט וואס די עלטערן אן זארגרעכט איז פארלאנגט צו באצאלן.

**אפיס פון קינדער שטיצע סערוויסעס (OFFICE OF CHILD SUPPORT SERVICES):** אפטיילונג פון די יומער רעסורסעס אדמיניסטראציע פאראנטווארטליך צו באקומען און אויספירן קינדער געלט באפעלן פאר פאמיליעס וואס וואוינען אין ניו יארק סיטי.

**באפעל:** שריפטליכע און אונטערגעשריבענע באפעל פון א שטיצע מאגיסטראט אדער ריכטער.

**באפעל אויף פאטערשאפט:** געריכט באפעל וואס באשטימט א לעגאלע פאטער.

**באפעל אויף באשייד:** געריכט באפעל וואס פארבאט פארבינדונג/קאמיוניקאציע דורך איין צד צום צווייטן צד.

**באפעל אויף צושטימען:** באפעל איינגעשטימט דורך ביידע צדדים אין א שריט. ביי א קינדער געלט הירינג, קענען די עלטערן צושטימען צו א באפעל סומע וואס איז אנדערש ווי די קינדער שטיצע סטאנדארטן אקט אנווייזונגען.

## P

**עלטערן טרעפן סערוויסעס:** קאמפיוטער נעטווארק פון סטעיט דעטעבעיסעס גענוצט צו טרעפן רעספאנדענטן אין קינדער געלט קעיסעס.

**צד:** מענטש אדער ארגאניזאציע דירעקט פארבינדן אין א לעגאלע ענין.

**דורכגאנג באצאלונג:** קעש הילף באקומערס מיט קינדער געלט באפעלן קענען באקומען ביז $100 א חודש (אדער $200 פאר צוויי אדער מער קינדער) וואס באקומען קינדער געלט) פון די געזאמעלטע שטיצע אין די זעלבע חודש וואס עס איז שולדיג; אויך אנגערופן באנוס באצאלונג.

**פאטערשאפט אדער עלטערנשאפט:** לעגאלע באשטימונג פון פאטערשאפט. פאטערשאפט אדער עלטערנשאפט מוז ווערן באשטעטיגט פאר קינדער געלט אדער מעדיקל שטיצע קען ווערן באפוילן.

**פאטערשאפט (אדער עלטערנשאפט) פעטיציע:** פארמאלע שריפטליכע אפליקאציע צו א געריכט וואס בעט געריכטליכע שריט צו באשטימען לעגאלע פאטערשאפט פון א געוויסע מענטש פאר א געוויסע קינד.

**באצאלטער:** מענטש אדער ארגאניזאציע אין וועמענס נאמען קינדער געלט ווער באצאלט (צום ביישפיל, די באבע).

**באצאלער:** מענטש וואס מאכט א באצאלונג, געווענטליך די עלטערן אן זארגרעכט אדער איינער וואס טוט עס פאר איר/אים. דאס איז אויך באקאנט אלס דער אבליידזשער.

**פעטיציע:**פארמאלע שריפטליכע פארלאנג צו אנהייבן א געריכט שריט.

**פעטיציאנער:** מענטש אדער ארגאניזאציע וואס געבט איין א פארמאלע פארלאנג צו אנהייבן א געריכט שריט.

**PIN (פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער):** אייגנארטיגע אידענטיפיקאציע נומער באשטיצט צו קליענטן צו באקומען צוטריט צו זייער קינדער געלט אקאונט אינפארמאציע פון די ניו יארק סטעיט קינדער שטיצע וועבזייטל (childsupport.ny.gov) און הילף ליניע (888-208-4485).

**ארימקייט שטאפל:** שטאפל פון פארדינסט גערעכנט אלס צו נידריג צו קויפן לעבנס געברויכן לויט די פעדערעל רעגירונג. די 2021 ארימקייט שטאפל פאר איין מענטש איז $12,880. פאר יעדע צוגעלייגטע מענטש אינעם פאמיליע, לייגט מען צו $4,540. די ארימקייט אנווייזונגען ווערן ארויסגעגעבן יעדעס יאר דורך די U.S. דעפארטמענט פון העלט און יומען סערוויסעס אויף aspe.hhs.gov/poverty-guidelines.

**פראפערטי אראפרעכענונג (PEX):** אדמיניסטראטיווע פראצעדור אין וואס OCSS נעמט צו די פינאנציעלע אסעטס, געווענטליך באנק אקאונטס, פון אן עלטערן אן זארגרעכט וואס איז הונטערשטעליג מיט באצאלונג קינדער געלט.

**אויס רעכענונג טייל:** דער טייל פון די סך הכל וואס ביידע עלטערן דארפן באצאלן פאר זאכן אריינגערעכנט אין די קינדער געלט באפעל אזוויי קינדער קעיר אדער אומצוריקבאצאלטע מעדיקל קאסטן.
**PRO SE:** פראצעדור פון אויפווייזן עלטערנשאפט און/אדער באקומען א געריכט באפעל צו לייגן א קינדער געלט פארפליכטונג אין פלאץ.

**פיוטעטיוו פאטער רעגיסטריט (PFR):** רעקארד פון פאטערס אויפגעהאלטן דורך ניו יארק סטעיט. ביישפילן פון דאקומענטן אויפגעהאלטן אינעם PFR זענען באשטעטיגונג פון עלטערנשאפט (oAOP), געריכט באפעלן וואס שטעלן אוועק עלטערנשאפט, און נישט-לעגאל מחייב דערקלערונגען וועגן עלטערנשאפט. מען קען זיך דורכרעדן מיטן PFR אויף ענינים בנוגע ירושה, אדאפשען, און סיי וועלכע אנדערע לעגאלע ענינים וואס פאדערן מעלדן דאס קינד'ס פאטער.

# R

**באקומער:** מענטש אדער ארגאניזאציע וואס באקומט שטיצע געלטער און/אדער פובליק הילף בענעפיטן, אריינגערעכנט קעש הילף, SNAP (פוד סטעמפ), Medicaid, א.ד.ג.

**צוריקצאלנד:** באציונגען אין וואס איין סטעיט אדער לאנד שענקט געוויסע רעכטן צו אנדערע סטעיטס אדער לענדער בתנאי אז זיי באקומען די זעלבע רעכטן.

**הילף:** לעגאלע פלאן.

**רעספאנדענט:** מענטש וואס ענטפערט א פעטיציע; דאס איז דער צד קעגן וועגן מען געבט איין פאר רעליעף.

**צוריקגייענדע שטיצע:** קינדער געלט וואס איז באפוילן צו ווערן צוריקגעצאלט צו א פריערדיגע דאטום, געווענטליך דעם דאטום ווען די פעטיציע איז געווארן איינגעגעבן. צוריקגייענדע שטיצע שאפט א באלדיגע חוב.

# S

**סאנקציע:** רעדט זיך וועגן קעש הילף קליענטן וואס זענען פארלאנגט צו מיטארבעטן מיט קינדער געלט. אויב א קלייענט טוט נישט אויספאלגן, קענען קעש בענעפיטן, אריינגערעכנט רענט הילף, ווערן פארמינערט אדער אפגעהאקט. קליענטן וועלן נישט זיין בארעכטיגט צו באקומען אדער ווייטער באקומען מעדיקל הילף פאר זיך און וועלן אויך נישט זיין בארעכטיגט צו אנהויבן באקומען הילף פון א רענט הילף פראגראם.

**זעלבסט-שטיצע רעזערוו:** איינצלהייט ביים רעכענען קינדער געלט אין ניו יארק סטעיט ווען איינער פון די עלטערן איז אויף אדער אונטער די ארימקייט שטאפל; די זעלבסט-שטיצע צוריקהאלט איז 135% פון די פעדעראלע ארעמקייט שטאפל. די זעלבסט שטיצע רעזערוו פאר 2021 איז $17,388.

**STEP (שטיצע דורך ארבעטסגעבן פראגראם):** שטעלט צו ארבעט טרענירונג און פלאצירונג פאר די עלטערן אן זארגרעכט וואס קען נישט באצאלן קינדער געלט צוליב ארבעטסלאזיגקייט אדער א פאסטן וואס באצאלט ווייניג. רעפערעלס צו STEP קענען געמאכט ווערן ביי א קינדער געלט הירינג.

**באדינגונג:** שריפטליכע אפמאך צווישן צדדים אויף קעגנשטעלנדע זייטן פון א קעיס.

**סאמענס:** מעלדונג וואס דערקלערט אז שריט קעגן א באקומער איז אנגעהויבן געווארן. א סאמענס פאר א קינדער שטיצע הירינג וועט זאגן פאר די עטלערן וואו און ווען צו ערשיינען, און וועלכע אינפארמאציע צו ברענגן.

**שטיצע זאמלונג יוניט (SCU):** אפטיילונג פונעם אפיס פון קינדער שטיצע סערוויסעס פאראנטווארטליך צו זאמלען, מאניטארן, און אויסטיילן קינדער געלט באצאלונגען.

**שטיצע מאגיסטראט:** אדוואקאט באשטימט דורך די לאקאלע פאמיליע געריכט וואס קען הערן באווייז און מאכן באשלוסן אין קינדער געלט קעיסעס.

**שטיצע באפעל:** געריכט באפעל וואס שטעלט אוועק קינדער געלט פארפליכטונגען. שטיצע באפעלן קענען זיין צייטווייליג אדער ענדגילטיג און אויסגעשטעלט צו טוישונגען און ענפארסירונג. שטיצע באפעלן קענען איינשליסן געלט און מעדיקל שטיצע, קינדער קיער, עדיוקעישאן קאסטן, און באצאלונג פון חובות, אינטערעסט, שטראף געלט, און אנדערע סארטן הילף.

## T

**שטייער צוריקצאל אפסעט:** פראצעדור אין וואס אן עלטערן אן זארגרעכט'ס פעדעראלע אדער סטעיט שטייער צוריקצאלונג ווערט גענומען צו באצאלן א קינדער געלט חוב.

**ענדיגן א באפעל:** ענדיגן א יעצטיגע פארפליכטונג; צושטעלן גילטיגע ענדע דאטום פון א קינדער געלט באפעל. חובות מוזן נאכאלס ווערן באצאלט.

## U

**UIFSA (יוניפארם אינטערסטעיט פאמיליע שטיצע אקט):** פעדעראלע געזעץ איינגעפירט אין 1996 צו פארגרינגערן דעם פראצעדור פון באקומען קינדער געלט באצאלונגען איבער סטעיט גרעניצן. עס פארלאנגט סטעיטס צו מיטארבעטן איינער מיט צווייטן צו באקומען און אויספירן קינדער געלט באפעלן; עס ערלויבט סטעיטס צו איינפירן דירעקט איינקונפט צוריקהאלטן מיט ארבעטסגעבערס פון אנדערע סטעיטס; פארמיידט מערערע קינדער געלט באפעלן פון ווערן ארויסגעגעבן פאר די זעלבע קעיס אין אנדערע סטעיטס.

## V

**צוריקציען א באפעל:** באזייטיגן א פריערדיגע באפעל, כאילו עס האט קיינמאל נישט עקזיסטירט.



## W

**געהאלט צוריקהאלטן:** אוטאמאטישע אראפרעכנונג פון פארדינסט וואס הויבט זי ראן ווי נאר א פארדינסט אויספירונג מעלדונג ווערט געשיקט צו אן ארבעטסגעבער.

**ווילנדיגע נישט באצאלונג:** די עלטערן אן זארגרעכט פארפעלט וויל צו באצאלן געריכט-באפוילענע קינדער געלט כאטש ער/זי קען זיך עס ערלויבן.

Human Resources Administration
Department of Social Services

@NYCHRA NYCHRA NYCHRA

BK-5 (YI)
(E) Rev. 10/2024

© Copyright 2024. The City of New York, Human Resources Administration/Department of Social Services. פאר ערלויבעניש צו איבערמאכן אלע אדער א חלק פון די מאטעריאל פארבינדט זיך מיט די ניו יארק סיטי יומען רעסורסעס אדמיניסטראציע.